**בס"ד** / שנה ו' / פרשת ויצא / נומער 289

# קרית ברסלב בלעטל

דער וואשנגטנער איד
מיט'ן פוכענעם שאל
**משה ארי' שניצלער**

א שידוך דורך
שמירת עינים
**אהרן קליטניק**

טיקעטס פאר
שאפינג בעגס
**היימישע נייעס**




# חיזוק יומי

## געטווישט די וועלט

פון א שטילע ישיבה אין וויליאמסבורג צו א וועלטליכע מהפיכה / **ווען איז אריינגעקומען די רעיון פון חיזוק יומי** / ווער איז געווען דער גרינדער דערפון / **מוהרא"ש'ס מיינונג איבער דעם** / שטוינענדע מעשיות וויאזוי חיזוק יומי האט געטווישט די וועלט / און ערשטמאליגע שמועס מיטן גרינדער **מו"ה אברהם משה שטראסער שליט"א** וואס פארציילט די השתלשלות פון אנהייב ביז היינט. **חזקו ונתחזקה**



## כשרות פון ביר

אידישע נייעס

# קרית ברסלב בלעטל

פרשת ויצא תשפ"ו • 289





עירוב קאנפערענץ 7





שאפינג בעגס סומאטוכע 10






משניות ביינאכט? 13

8 וועלטליכע נייעס

9 א ווארט צווי

29 ברסלב'ע שטוב

43 קינדער בלעטל



**רעדאקטאר**
אברהם הערש וועבערמאן
**רעדאקציע**
אברהם יצחק אייזנער
שמואל בער שניטצלער
שמעון עוזר פערל
**שרייבערס**
משה ארי' שניטצלער
אברהם משה שטראססער
גרשון קרעמער
אהרן קליטניק
ישראל דוד העסקעל
יואל שניצלער
יואל נחמן גלויבער
ל. וועבערמאן
מ. פאפנהיים
ח. פ. וועבערמאן
ש. טראכטער
ג. פעקעטע
ח. שטיינבערג
ל. סאקס
**ניקוד**
יודא לייב ווייס
**גרעפיקס**
ישראל העסקעל
דאמינאו גרופ



צו אדווערטייזן אדער ארייןשיקן בריוו, קאמענטארן און ענטפערס:
845-379-1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com
דעדליין אריינצושיקן עדס איז זונטאג 1:00



כל הזכיות שמורות. עס איז נישט ערלויבט צו קאפיען שטיקלעך פונעם בלעטל אן צושרייבן פון וואו עס קומט.



צו באקומען די קרית ברסלב בלעטל:
אויף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל:
053.315.6938

קול ברסלב:
212.444.9191
א"י: 0797040066

אידישע שטוב:
212.444.9169
א"י: 0797040069


## זמנים
ויצא ט' כסליו

הדלקת הנרות . 04:11
מוצאי שבת ..... 05:41

**מנחה מעריב**
**פרשת ויצא 5:25**










# הערשי זעט נומבערס.

דו פירסט דיין ביזנעס זייער פיין, אבער דו זעסט נאר די מעשיות, הערשי זעט די נומבערס. נעם הערשי פאר דיין בוקקיפער, און דו פאוקעס ווייטער אויף די מעשיות.

27digitsllc@gmail.com - 347.969.9658

27_DIGITS™

dominogrp.com

# פנינים

# דאס איז מיין טאטע חלק ב

אלס א המשך צו מיין פאריגע ארטיקל, וואו איך האב בס״ד מיטגעטיילט פון די שיינע שטריכן פון מיין טייערע טאטע ז״ל הכ״מ, וואלט איך געוואלט די וואך אביסל ממשיך זיין מיט אביסל פון זיינע מעשים וואס מיר קענען זיך לערנען דערפון.

מיין טאטע זכרונו לברכה הכ״מ איז געווען זייער א געטרייער, ווארעמער און איבערגעגעבענער מענטש, סיי אין בין אדם למקום, און סיי אין בין אדם לחבירו.

מיין טאטע האט יעדן טאג געדאווענט דעם ערשטן מנין שחרית און די ערשטע מנין מנחה-מעריב, זומער ווינטער, אין קעלט אדער אין היצן, ערב יום טוב מוצאי יום טוב אדער סיי וועלכע צייט.

זייענדיג א נועם בחסד עליון מיטן דאווענען אפט פארן עמוד, אזוי אויך דינענדיג אלס א בעל קורא, פלעגט ער לעבן די דאווענען און דאס ליינען.

זייענדיג א בעל תוקע פלעגט ער דאס אויסניצן צו טון א גמילת חסד און בלאזן ראש השנה ביי פאוזע פאר די נשים צדקניות, וואס די קהילה האט דערפאר צוגעשטעלט א גרויסע זאל וואו עס פלעגן זיך צאמקומען צענדליגער פרויען און קינדער הערן שופר בלאזן.

ערב יום כיפור פלעגט ער פארזאגן די סליחות ביים סאטמאר רבי׳ן דער בעל ברך משה זי״ע, ביי זיין פריוואטן מנין ביי אים אין שטוב. אויך פלעגט ער זיין דער בעל תפילה יום כיפור ביי שחרית אין טיסא-סאלקע בית המדרש אין וויליאמסבורג פאר צענדליגער יארן, ווי ער פלעגט פאר-דאווענען מיט הארץ און געפיל און פארגאסן אסאך טרערן, מיר קינדער געדענקען ווי ער פלעגט וויינען ביים ליינען די קריאה פון יום כיפור, אנהייב פרשת אחרי מות, ווי עס שטייט אין מגן אברהם (אנהייב סימן תרכ״א).

סוכות האט ער אריינגעלעבט מיט אזא חיות, ער פלעגט זאגן אז סוכות איז ממש זיין לעבן, ער פלעגט אלץ נאכזוכן צו קויפן א שיינע גרויסע אתרוג און א הויכע דיקע לולב. האבנדיג די געבענטשטע פעיגקייטן פלעגט ער מאכן הערליכע שיינע גרויסע שטערנס צו באצירן די סוכה וועגט, און האט געשיינט און געשטראלט ביים אויפשטעלן די סוכה און ביים דאס באצירן, ער האט געהאט אזא שמחה ווען ער האט געקענט טרעפן א ספעציעלע שיינע נוי סוכה וואס זאל באצירן די סוכה.

אזוי ווי איך בין שוין געבוירן נאך די פטירה פון הרה״ק מסאטמער זי״ע פלעג איך נאר הערן מיין טאטן ז״ל רעדן מיט אזא בענקשאפט און נאסטאלגיע פון הושענא רבה ביים רבי׳ן, ווי אויך פלעגט ער אנצינדן די טעיפס פון די דרשות פונעם רבי׳ן.

מיר האבן דאס אלץ געהערט פון אים, אבער ווען איך האב זוכה געווען דאס ערשטע מאל צו זיין ביי מוהרא״ש זי״ע הושענא רבה, אין די סוף ס׳ יארן, האב איך אנגעהויבן צו פארשטיין וואס מיינט הושענא רבה ביי א צדיק, ווי א צדיק בעט זיך אויס ביים אייבערשטן אינעם הייליגן טאג הושענא רבה, און שלעפט מיט דעם גאנצן ציבור מיט זיך, און אזוי אויך היינט צו טאגס ביים ראש ישיבה שליט״א.

אין די שפעטערדיגע יארן האט ער אליינס אנגעפירט א גרויסע מנין הושענא רבה, די ערשטע מנין צופרי, מיט א חיות און ווארעמקייט, אין בית המדרש תהילות יואל אין וויליאמסבורג.

זייענדיג א גאר געטרייע טאטע, פלעגט ער שוין גאר פרי הושענא רבה נאכמיטאג גיין אין בית המדרש אוועקלייגן פלעצער פאר אונז קינדער, מיר זאלן קענען גוט מיטהאלטן די הקפות אין סאטמאר, ער האט זיכער געמאכט אז מיר האבן גוטע פלעצער צו קענען מיטהאלטן די הקפות.

ווי אויך האט ער דורכאויס די יארן אנגעפירט די קליינע הקפות און סאטמאר ביהמ״ד, ווי מ׳האט דארט איינגעפירט.

איך געדענק זיין שיינע מגילה ליינען, ווי ער פלעגט ליינען די מגילה מיט אזא חיות און לעבהאפט, ער פלעגט וויינען ביי די טרויערדיגע חלקים, ביי די פסוקים פון די גזירות, און ווי ער פלעגט לעבן די שמחה ביי די פסוקים פון די ישועות און ניסים.

מיר געדענקען ווי ער פלעגט זינגען די פיוטים אין די ימים טובים, בפרט די ניגון ברח דודי אום פסח, בריך שמיה און אהבה רבה אום שבועות מיט אזא בענקשאפט און דערביי פארגאסן טייכן טרערן.

זייענדיג רוב יארן א קינדערגארטן מלמד פלעגט ער אלץ זוכן צו מאכן שיינע און אינטערעסאנטע ארטס און קרעפטס

## שיחות, זכרונות און אנעקדאטן

**יואל שניצלער**

פאר די קינדער, און אפט מאל פלעגט ער אונז ארייננעמען אין די ארבעט, ווי מיר האבן אים געהאלפן מיטן אויסשניידן און קלעבן וכדומה, פאר פורים, אדער פסח וכדומה.

ווי שווער ער האט געארבעט האט ער אלץ ארויסגעהאלפן אין שטוב, יותר מכפי יכולתו, ער האט געטון אלעס אויף די וועלט צו פארגרינגערן אין שטוב אז להבחל"ח מיין מאמע תחי' זאל זיך נישט דארפן פלאגן און זיך קענען אפגעבן גרינגערהייט מיט די שטוב ארבעט, ווער רעדט נאך ווען עס איז געקומען פאר פסח, פלעגט ער ארבעטן ביז די פריע פארטאגס שעה'ן צו קענען העלפן צוגרייטן די שטוב פאר יום טוב.

יעדעס מאל ווען עס איז פארגעקומען א פארהער אין חדר אדער אין ישיבה פלעגט מיין טאטע אופשטיין פרי פארטאגס לערנען מיט אונז מיט אזא שמחה און ווארעמקייט, און פרובירט מיט אלע כוחות זיכער צו מאכן אז מיר קענען די פארהער בס"ד.

נאכדעם וואס איך האב זוכה געווען צו מקורב ווערן אלס בחור צו היכל הקודש, איך האב ב"ה אנגעהויבן זאגן משניות, האב איך זוכה געווען צו באקומען א שטארקע ליבשאפט צו ספרים און צו לערנען נאך חלקים פון די תורה. געדענק איך ווי איינמאל איז געווען א ספרים יריד אין בארא פארק, און איך האב געבעטן מיין טאטע געלט צו קענען איינקויפן אביסל ספרים, מיין טאטע האט מיר געגעבן געלט, און איך געדענק די שמחה וואס ער האט געהאט ווען איך בין אהיים געקומען מיט א תנא דבי אליהו, ער האט זיך אזוי געפרייט אז עס שמעקט מיר צו מאכן א שיעור אין תנא דבי אליהו, די שמחה וואס ער האט געהאט ווארעמט נאך אלץ מיין הארץ.

*

מיין טאטע ז"ל איז געווען א מוסטער אין די מצוה פון כיבוד אב ואם, להבחל"ח מיין מאמע תחי' דערציילט אז מיין זיידע, דער טשאבא רב, הרה"צ רבי שלום שניטצלער זכר צדיק לברכה, האט געוואוינט אין לאנדאן וואו ער האט געהאט א בית המדרש און א כולל. ער פלעגט קומען פון צייט צו צייט קיין אמעריקע צום הייליגן רבי'ן זכותו יגן עלינו פון סאטמאר, און צו



שמחות און נאך געלעגנהייטן, דערציילט מיין מאמע אז מיין טאטע ז"ל פלעגט נישט בלויז באדינען און ארויסהעלפן זיין טאטע, נאר אלעס האט זיך אפגעשטעלט כדי צו באדינען זיין טאטע. ער איז געווען א מלמד, האט ער גענומען א שטעלפארטרעטער דורכאויס די גאנצע צייט וואס זיין טאטע האט געוויילט אין אמעריקע, אפגערעדט אז ער האט אים אפגעווארט אין עירפארט אנקומענדיג און אים באגלייט ביזן עירפארט ווען ער איז צוריק אהיים געפארן.

ווי אויך פלעגט ער זיכער מאכן צו גיין כאפן א פלאץ ביים טיש פון רבי'ן זי"ע, ער איז שוין אוועק פרי פון דערהיים כדי צו קענען זיין פרי ביים טיש צו קענען כאפן א גוטע פלאץ פאר זיין טאטע.

און דאס איז נישט נאר געווען כלפי זיינע עלטערן, נאר אלץ האט ער מכבד געווען און געווען געטריי פאר זיינע קרובים און בני משפחה.

איך געדענק אז איינמאל א פרייטאג בין איך געקומען צו מיינע עלטערן פאר שבת קיין וויליאמסבורג, איך האב דעמאלט געוואוינט אין קרית יואל, עס איז געווען דעמאלט א גרויסע שניי, און די וועגן און שטעגן זענען געווען זייער אנגעלייגט, ווען מיר זענען אנגעקומען איז אויך אנגעקומען צוגאסט צו זיי אויף שבת מיין מומע, וואס איז געקומען פון ארץ ישראל. איך זע ווי מיין טאטע קומט איר אנטקעגן פון אנהייב גאס, מיין טאטע איז מיט עטליכע שעה פריער אהיים געקומען פון שפיטאל, און דא זע איך ווי ער שלעפט זיך אין די שניי און פרעסטן און שלעפט מיין מומע'ס רענצלער, איך האב אים געבעטן אז איך וויל שלעפן די רענצלער, ווייל ער איז נאך אפגעשוואכט פון שפיטאל, אבער ער האט מיר געזאגט: "דאס איז מיין שוועסטער, איך וויל איר אויפנעמען און העלפן אריינקומען אין שטוב", דאס האט דעמאלט געמיינט פאר מיר זייער אסאך, דאס איז געווען מיין טאטע, א ווארעמער פאמיליע מענטש, מיט הארץ און געפיל און גאלדענע מידות.

**(אויפן בילד: מיין טאטע ז"ל ביי זיין סיום הש"ס אויף די עלטערע יארן).**

# אידנו

## טעגליכע מניינים מנחה

אזוי ווי מען האט שוין פאראויס געקוקט דעם ווינטער זייגער, און די זמן פון מנחה/מעריב ווערט גאר פרי, שטעלן מיר אהער א ליסטע פון מנינים מנחה דא אין שטעטל אינמיטן טאג.

1:45 כולל היכל הקודש

Fast build office - 2:00

Sullivan Ave 43 - 2:30

3:00 ישיבה - היכל ראזענבערג

15 מינוט פאר ר"ת - ביהמ"ד הגדול

15 מינוט פאר ר"ת - ביהמ"ד ירושלים

***"ווער עס איז שטארק צו דאווענען די דריי תפילות, שחרית מנחה מעריב מיט מנין - וועט האבן א דבר שבמנין (געלט), עס וועט זיין גרויס שפע."***

## אוועקגעלייגן די לעגאלע צעטלעך

אזוי ווי יעצט איז א צייט ווען מען קען זיך איינשרייבן פאר "היעפ" שפירן מיר פאר א חוב צו דערמאנענען אלע טייערע חברים אז עס איז זייער וויכטיג פאר אלעמען צו האלטן א קאפיע פון יעדע צעטל וואס מען גיבט אריין פאר סיי וועלכע פראגראם פון די שטאט.

עס מאכט זיך אסאך מאל וואס מען דארף האבן די אינפארמאציע וואס שטייט אויף די דאקומענטן צ.ב.ש. פאר אן אנדערע אפיס, און מען געדענקט נישט אויסענווייניג פונקטליך וואס מען האט געשריבן, איז גאר וויכטיג צו קענען האבן צו די האנט אלע אינפארמאציע וואס מען האט אריינגעגעבן.

די הנהלה האט געשטעלט מו"ה אשר בער אינדארסקי הי"ו איבערצוגיין אלע דאקומענטן בעפאר מען גיבט דאס אריין.

עס איז גאר וויכטיג אלעס איבערצוגיין מיט א פראפעשאנעל, איינמאל מען האט שוין אריינגעגעבן סיי וועלכע אפיציעלע פאפירן קען מען שוין נישט צוריקדרייען אדער טוישן סיי וואס מען האט געשריבן.

## עירוב קאנפערענץ

פארגאנגענע וואך איז פארגעקומען דעם יערליכן עירוב קאנפערענץ, ווי בודקים און משגיחים פון עירובין ארום די פאראייניגטע שטאטן זענען זיך צוזאמגעקומען איבער צוויי טאג צו איבערגיין די הלכות עירובין און אויך הערן פרישע חידושים און אינאוואציעס אינעם פעלד פון עירובין.

אויפן ביטע פונעם רב המכשיר פונעם עירוב הרב יחיאל שטיינמעץ שליט"א זענען עטליכע בודקים פונעם שטעטל עירוב אראפגעפארן צום קאנפערענץ און מיטגעהאלטן שעות פון הלכה און פרישע טעכניקן צו קענען ווייטער אנהאלטן דעם מהודר'דיגע עירוב ארום שטעטל.

די באטייליגטע פונעם קאנפערעץ האבן אויסגעדרוקט וואונדער אויפן עירוב דא ביי אונז אין שטעטל אז אזא גרויסע עירוב פון בערך 5 סקווער מייל גרויס ווערט אלעס אפערירט דורך וואלונטירן וואס באקומען נישט באצאלט, און אז אן עירוב אזוי גרויס ווערט אויפגעהאלטן דורך גאר א קליינע בודזשעט.

דער אייבערשטער זאל זיי באצאלן מיט אלעס גוטס.

מודעות און
קרישקעלעך
פון די הנהלה

**חברי הנהלה**



**עירוב קאנפערענץ**

**מערקטביים לינקען זייט מו"ה יחזקאל סאמעט הי"ו און מו"ה יעקב יאקאבאוויטש הי"ו**

## סעפטיק סיסטעם

מיר ווילן דערמאנען אלע טייערע חברים וואס האבן געקויפט הייזער אין שטעטל דאס וויכטיגקייט פון קלינען דעם סעפטיק טאנק.

עס זענען אבער פארהאן געוויסע אפפאל וואס בלייבט אינעם טאנק און ווערט נישט ארויסגעגעבן, וואס אויב מען רייניגט נישט אויס דעם סעפטיק ווערט די גאנצע סעפטיק סיסטעם צעבראכן און עס לאזט אויך ארויס אן אומבא'טעמ'טע גערוך, עס קען אויך פירן דערצו אז די וואסער זאל נישט ריכטיג ארויס פארן פון די פלאמבינג סיסטעם, נאר מאכן א פארפלייצונג אויפן פראפערטי.

אזוי אויך איז וויכטיג צו זיכער מאכן אז די "ליעטש פיעלד" ווי די וואסער קומט ארויס זאל מען האלטן אין א גוטע צושטאנד, נישט דארט לייגן שווערע קינדער שפילערייען אדער פארקן די קאר.

## ברוכים הבאים

**מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען די חשוב'ע משפחה**

# מו"ה נפתלי בוים הי"ו

**וזוגתו רחל תחי'**

**וואס האבן זיך אריינגעצויגן אין שטעטל**

## קרית ברסלב ליבערטי

**דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל זיי זיין א ישוב טוב, זיי זאלן האבן הצלחה וברכה בכל מעשי ידיהם, און זיי זאלן קענען אויפציען דא די קינדער אויף די וועגן פונעם הייליגן רבי'ן.**

גרשון קרעמער



# כשרות פון ביר

ביי ערליכע אידן טראגט כשרות המאכלים א שטארקע געוויכט. מען ווייסט אז אויב נעמט מען חלילה אריין עפעס וואס איז נישט כשר, קען מען עובר זיין אויף עטליכע לאווין רחמנא ליצלן, און אזוי אויך איז עס מטמטם הלב.

איז טאר מען גארנישט עסן? אפשר איז אריין עפעס וואס איך ווייס נישט? די תורה זאגט אבער "וחי בהם" (ויקרא יח). דער אייבערשטער וויל נישט מיר זאלן חלילה לעבן א טויטע לעבן פול מיט פאביעס און או-סי-די.

דער אייבערשטער האט אונז געגעבן א תורה, און די צדיקים האבן מקבל געווען פון בארג סיני די מהלך און כללים וויאזוי מען לערנט עס, און דאס איז איבערגעגעבן געווארן פון דור נאך דור, ביז די גמרא, די ראשונים, דער רמב"ם האט עס שיין מסדר געווען אין הלכות, דערנאך דער טור און שלחן ערוך. און דאס איז דער אורים ותומים וויאזוי דער אייבערשטער זאגט אונז פונקטליך וואס צו טון צו גיין אויף דעם ריכטיגן זיסן מיטל-וועג, וואס מען מעג, מעג מען, און וואס מען טאר נישט, טאר מען נישט.

ווען עס קומט צו כשרות, האבן די רבנים אראפגעשטעלט פארשידענע כללים געבויעט אויפן שלחן ערוך והפוסקים שמפיהם אנו חיים, ווען עס דארף א הכשר און ווען נישט. למשל ס'איז אנגענומען אז צוקער, מעל, זאלץ, רייז און נאך פילע פשוטע פראדוקטן דארפן נישט קיין הכשר.

איינע פון די זאכן וואס איז אלץ געווען נכלל אינעם ליסטע פון זאכן וואס מען קען נוצן אויך אן א הכשר איז געווען "ביר". די טראדיציאנאלע וועג פון מאכן ביר (וואס ווערט געמאכט פון וואסער, גערשטן, האפן, און הייוון) האט נישט פארמאגט קיין שום חשש אז עס זאל האבן כשרות פראבלעמען, און האט ערלויבט אז ערליכע אידן זאלן עס טרינקען.

אבער צייטן טוישן זיך. פון היינט און ווייטער - האבן די רבנים גע'פסק'נט - קען מען שוין נישט טרינקען קיין סתם ביר, נאר עס ווערט באטראכט אלס א משקה וואס קען האבן ערנסטע חששות, און עס מוז האבן א פארלעסליכע הכשר אז א איד זאל עס מעגן טרינקען.

אין די פאבריקן פון די ביר פירמעס מאכט מען שוין אויך פילע אנדערע סארטן ביר וואס קענען האבן ערנסטע חששות. מען מאכט פילע סארטן "פלעיווארד" ביר, מען נוצט שוין אין טייל סארטן ביר אפילו מילכיגע און פליישיגע באשטאנדטיילן, וואס אפילו אויב דער ביר פונעם שעלף איז טאקע בלויז פשוטע ביר, קען עס ווערן געמאכט מיט בליעות פון טריפות, בשר בחלב און נאך איסורים ח"ו.

מיר חסידי ברסלב ווייסן אז דער רבי האט נישט געוואלט מיר זאלן טרינקען קיין שום משקה המשכר, נישט קיין ביר, נישט קיין בראנפן און נישט קיין וויין, אויסער אויף קידוש, הבדלה, און די ד' כוסות, און אפילו פורים דארף עס זיין מיט א מאס.

דאס געבט אונז א גוטע שאקל אויף צו בעטן דעם אייבערשטן מען זאל נישט עסן אדער טרונקען קיין נבילות וטריפות, און אזוי אויך צו קוקן אויף יעדן פראדוקט אויב עס האט א גוטן הכשר. און אזוי אויך דאס אויסלערנען פאר די קינדער צו עסן נאר מיט א גוטן הכשר.

## על ביעור חמץ!

# א ווארט צווייי

זאָגן וואָס פאַרדינען שטערכלער

בערל שניצלער

## קירוב רחוקים

"א ווייטאגליכער אינגערמאן רעדט זיך אויס צו מיר אז דער און דער טוט אזוי און אזוי, ווי קען זיין אז די נעגסטע מענטש צו דער ראש ישיבה זאל אזוי טאן...

האב איך אים געענטפערט אז א בחור האט דערציילט פאר דער ראש ישיבה : "דער און דער עושר וואס האט אסאך געלט האט-" און דער ראש ישיבה האט אים איבערגעהאקט: "ער האט אסאך געלט? עס איז אים געלונגען דיך איינצורעדן אז ער האט אסאך געלט..."

דאס זעלביגע האב איך אים געזאגט: "אינגערמאן טייערע, ער איז די נעטסטע מענטש צו דער ראש ישיבה? אים איז געלונגען דיך איינצורעדן אז ער איז די נענסטע מענטש צו דער ראש ישיבה... איך האב פארשטאנען פון די שיעורים און בריוו אז אין היכל הקודש איז נישטא קיין נעטסטע און ווייטסטע, האסטו היינט געלערנט דעם רבי'נ'ס ספרים און געפאלגט ביסטו היינט די נעסטע אפגעזען וואו אימער דו געפינסט זיך, וכן להיפך..."

**– ר' ישראל יוסף שניצלער ביים שיעור סיפורי מעשיות, שבת קודש פרשת תולדות תשפ"ו אין בית המדרש רחוב ירושלים קרית ברסלב**

## וואכנאכט תקנות

"איך וואלט גערן געגומען א קעיטערער פאר מיין וואכנאכט אויב האלט ער ביים גיין נאך געלט פאר זיך און זיך אליינס באצאלן..."

**– ר' מנחם שטיינבערג**

## דיין הצלחה ליגט אין דיינע הענט

טייערער ליבער ברודער, איך האב דיך ליב, איך דאווען פאר דיין הצלחה, אבער דיין הצלחה ליגט אין דיינע הענט, דו דארפסט זיין פרייליך, דו דארפסט טון אלעס אין די וועלט צו זיין פרייליך.

**– איש אמונות פ' תולדות, א שורה'לע וואס מאנט**

## מקבל דעם אייסקרעם באהבה

"א מענטש דארף דערגרייכן דעם 'שם שמים שגור בפיו', וועו זיין מויל איז פול מיט שגור - ציקער - דארף ער דערמאנען דעם אייבערשטן, עס זענען דא מענטשן וואס רעדן נאר פונעם אייבערשטן ווען עס איז שוין זייער ביטער, 'עס איז נישט געבליבן קיין ברירה, די מצב איז אזוי שמאל, מען דארף איינרייסן... פארוואס ווען עס איז גוט ברענגסטו נישט אריין דעם אייבערשטן?

איך זאג פאר מיינע קינדער: "קינדערלעך, עס איז געווען באשערט אז מיר גייען האבן אייסקרעם היינט, דער אייבערשטער האט אנגעשריבן אז מיר זאלן האבן אייסקרעם..."

**– ר' יואל טייטלבוים אויף ר' יקותיאל'ס נייעס קנעפל**

## דער ראש ישיבה האט געזאגט

## א שיעור וועט דיך האלטן

"מוהרא"ש פלעגט זאגן אז די וועג וויאזוי מען קען זיך האלטן אין היכל הקודש איז צו זיך אנכאפן אינעם סדר הלימוד, לערנען יעדן טאג אכצן פרקים משניות. היינט, אויב וויל מען זיך קענען האלטן אין היכל הקודש, דארף מען אויך יעדן טאג אריינרופן קול ברסלב הערן א שיעור התחזקות, דאס וועט דיר העלפן זיך צו האלטן ביים רבי'ן!"

**– שיעור אין ישיבה דינסטאג תולדות**



# ניו יארק ווערט שטרענגער מיט'ן שאפינג בעג פארבאט

עס קומען אריין באריכטן פון עטליכע גראסעריס אז אינספעקטארס פון די סטעיט'ס "דעפארטמענט אוו ענווייראנמענטל קאנסערוועישאן" (DEC) האבן אנגעהויבן צו מאכן אינספעקשאנס, און האבן שוין ארויסגעגעבן פארלעצונגען און ווארענונגען. און ווי זיי זאגן, וועלן זיי יעצט מוזן אויפהערן נוצן די געשמאקע "שאפינג בעגס", און אנהייבן נוצן טייערערע איבערנוצבארע בעגס, פאר אן אפצאל.

ווי עס שיינט, מיט דעם וואס ניו יארק ווערט מער לינק, האבן זיי זיך פריש גענומען צום געזעץ, וואס פארבאט צו נוצן די באקאנטע דינע פלעסטיק און דראעט מיט גרויסע קנסות פאר געשעפטן וואס וועלן עס פארלעצן.

טוב ה' לכל, דער אייבערשטער איז דער מקור הטוב, ער האט אלעס באשאפן נאר כדי אונז צו מאכן גוט, אבער מיר דארפן האבן א בעג צו קענען מיטנעמען דאס גוטס. וואו קען מען באקומען דעם בעג? ביים צדיק. דער צדיק געבט אונז אמונה, און דאס איז די כלי צו באקומען די שפע פונעם אייבערשטן.

אזוי אויך פארקויפט דער צדיק נאך א בעג "דאנקען דעם אייבערשטן". דער הייליגער רבי נתן זאגט: "ווען א מענטש דאנקט דעם אייבערשטן, זאגט מען אין הימל מען זאל אים געבן מער גוטס און מער חסדים, ער זאל האבן מער אויף וואס צו דאנקען".

ווען מיר גייען איינקויפן אינעם געשעפט, מיט בעגס צי אן בעגס, וועלן מיר פארזיכטיג קוקן אויף יעדע זאך צי עס איז כשר. נישט יעדע זאך מיט אידישע אותיות מיינט אז עס איז כשר. אפילו עס האט א נאמען פון א "רב", איז זייער וויכטיג צו וויסן ווער ער איז. בפרט פון אזוי גערופענע הכשרים פון די רבנים מטעם די מדינה, ווי עס רופט זיך אויף זייער שפראך די "ראבאנוט", פון זיי דארף מען נאך מער אכטונג געבן.

ווי מען זעט ווי דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט פון איין זייט פאר איינעם: "אויף אייער פראגע וואס צו טון ווען ענק גייען צו אייער שווער און מען געבט דארט פלייש וואס איז נישט למהדרין מן המהדרין וכו', וואס זאלן ענק טון; ענק קענען עסן ביי די עלטערן די פלייש וואס זיי געבן, אז די עלטערן זאלן נישט ווערן וויי געטון."

אבער פאר די צווייטע זייט, ווען עס קומט צו א הכשר מטעם, שרייבט דער ראש ישיבה זייער שארף: "עס איז מיר שווער אנצונעמען וואס איר דערציילט מיר אז ביי דיין שווער אין שטוב עסט מען פלייש בהכשר פון די רבנות; עס גייט נישט אריין אין קאפ, ווייל דיין שווער שטעלט זיך אהער ווי א שיינער איד, ער איז א רב, מיט רבי'ש בעקעטשעס וכו' וכו', און אין שטוב איז הפקר רחמנא לצלן, מען עסט פון כל הבא ליד."

"דו זאלסט חס ושלום נישט עסן פון דעם פלייש; פרעג א דיין אויב דו קענסט בכלל עסן ביי אים אין שטוב. עס איז זייער נישט קיין בא'טעמ'טע עסק, אבער נבילות וטריפות קענסטו נישט עסן. פון איין זייט דארף מען טאקע אכטונג געבן צו מכבד זיין די עלטערן, איך ווייס פעלער וואס מוהרא"ש האט קלאר געזאגט פאר תלמידים וואס האבן פאר זיך קיינמאל נישט געגעסן קיין פלייש אז ווען זיי גייען צו די עלטערן זאלן זיי למען השלום ולמען כיבוד אב ואם יא עסן - אבער דאס איז נאר ווען עס איז כשר. אויב האט דאס נישט קיין הכשר, נאר דעם הכשר פון רבנות - איז דאס חזיר טריף."! ע"כ

דאס איז זיכער אז פאר מען גייט אין גראסערי דארף מען בעטן דעם אייבערשטן מען זאל האבן שפע צו קענען באצאלן די גראסערי ארדער, און נישט דארפן אויפשרייבן אויפן אקאונט, און נאכדעם דארפן זוכן וועגן וויאזוי צו באצאלן.

**ומשביע לכל חי רצון!**

CATSKILLS, WE HAVE YOU IN MIND

# Stay Connected

## WITH PROTEK

### TALK-ONLY AND TALK&TEXT PHONES, READY TO USE



| KYOCERA DuraXV | KYOCERA DuraXV EXTREME | KYOCERA CADANCE | TCL FLIP 2 | SUNBEAM F1 | SUNBEAM PRO F1 |
|---|---|---|---|---|---|
| FROM $325 | FROM $330 | $300 | FROM $95 | $250 | $350 |
| | | REG. $350 | | | |



| TAK PHONE | BLISS B1 | POM PHONE TALK ONLY / TALK & TEXT | POM CLASSIC TALK ONLY / TALK & TEXT | LG CLASSIC FLIP |
|---|---|---|---|---|
| $310 | $130 | $370 | $289 | $210 |
| REG. $330 | | | | REG. $240 |

PROTEK Catskills

PURE CONNECTIVITY

FREE **DAILY** DELIVERY TO:

- FALLSBURG
- MONTICELLO
- KIAMESHA LAKE
- LIBERTY

SAME DAY FOR ALL ORDERS, ORDERED UNTILL 4:00

**845.999.TALK(8255)**

All Phones Are Approved By Vaad Haishur Monsey

## שלום אלי' אינדיג

מאנטריאל

# מעשיות פון תפילה



איך וויל דאנקען דעם אייבערשטן ברבים אויף די ריזיגע באמבאסטישע נס וואס האט פאסירט מיט מיר, אז איך האב געקענט קויפן א הויז אין שטעטל.

עס איז געווען א לאנגע געדרייטע וועג מיט אסאך באמפס אינדערמיט, עס האט זייער אסאך מאל אויסגעזען אז דאס איז עס, עס איז דורכגעפאלן, שוין ס'נישט דא מער וואס צו טון.

למעשה האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אויף טריט און שריט עס זאל יא זיין מעגליך צו קויפן א הויז, און ביי יעדע סטעפ האב איך מיך נאכאמאל געדארפט שטארקן צו בעטן ווייטער דעם אייבערשטן אויף דעם, ווייל עס האט אויסגעזען אז דאס איז נישט עפעס וואס איז פאר מיר.

אבער דער ראש ישיבה לערנט אונז אויס צו בעטן דעם אייבערשטן, במילא האב איך דאס ווייטער געטון. און די נס האט פאסירט, איך האב געקלאוזט ברוך השם אויף א שיינע געשמאקן דירה.

דא איז טאקע די פלאץ צו באדאנקן פאר אלע וואס האבן מיר ארויסגעהאלפן, בפרט אויפן געטרייען מארטגעדזש בראוקער מו"ה אברהם יושע וועבערמאן הי"ו פארן נישט אויפגעבן אויף מיר און מיר העלפן פון אנהייב ביזן סוף מיט א געוואלדיגע געטריישאפט, דער אייבערשטער זאל אים באצאלן מיט אלעם גוטס, ער זאל מצליח זיין מיט אלע זיינע געשעפטן.

# מעג מען לערנען משניות ביינאכט?






## שאלה

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

**אִיךְ לֶערְן בָּרוּךְ הַשֵּׁם יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת אוּן אִיךְ שְׁפִּיר אַז דָאס גֶעבְּט מִיר חִיזּוּק פַאר מַיין נְשָׁמָה.**

**אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעהֶערְט אַז עֶס אִיז דָא אַ פְּרָאבְּלֶעם צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת בַּיינַאכְט, וִויל אִיךְ וִויסְן וָואס צוּ טוּן יֶעצְט אִין דִי וִוינְטֶער וֶוען עֶס וֶוערְט פְרִי נַאכְט, אוֹיבּ עֶס אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת בַּיינַאכְט.**

**יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע עֵצוֹת אוּן חִיזּוּק, עֶס הָאט מַמָשׁ גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ז' כִּסְלֵו, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין שְׁאֵלָה, אַוַדַאי מֶעג מֶען לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת בַּיינַאכְט; וואוּיל אִיז דֶעם וָואס לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת בַּיינַאכְט.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חֲגִיגָה יב:): "כָּל הָעוֹסֵק בַּתּוֹרָה בַּלַּיְלָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מוֹשֵׁךְ עָלָיו חוּט שֶׁל חֶסֶד בַּיּוֹם", וֶוער עֶס לֶערְנְט תּוֹרָה בַּיינַאכְט וֶועט הָאבְּן אַ גַאנְצְן טָאג חֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; תּוֹרָה שֶׁבִּכְתַב לֶערְנְט מֶען בַּייטָאג אוּן תּוֹרָה שֶׁבַּעַל פֶּה לֶערְנְט מֶען אוֹיךְ בַּיינַאכְט, אַזוֹי וִוי אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא כִּי תִשָּׂא, סִימָן לו) וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעוֶוען אִין הִימְל מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, הָאט עֶר נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וֶוען אִיז טָאג אוּן וֶוען אִיז נַאכְט, נָאר וֶוען עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה שֶׁבִּכְתַב הָאט עֶר גֶעווּאוּסְט אַז עֶס אִיז טָאג אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה שֶׁבַּעַל פֶּה הָאט עֶר גֶעווּאוּסְט אַז עֶס אִיז נַאכְט.

נִישְׁטָא קַיין זִיסֶערֶע זַאךְ וִוי אוֹיסְנוּצְן דִי וִוינְטֶער נֶעכְט מִיט לֶערְנֶען תּוֹרָה שֶׁבַּעַל פֶּה; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט נָאךְ בְּשֵׁם דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי פִּנְחָס קָארִיצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז עֶר פְלֶעגְט רוּפְן דִי וִוינְטֶער נֶעכְט: "דִי גָאלְדֶענֶע נֶעכְט", וַוייל וִוינְטֶער בַּיינַאכְט קֶען מֶען גוּט אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט אַרַיינְצוּכַאפְּן לֶערְנֶען תּוֹרָה.

זַיי זִיךְ קוֹבֵעַ צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת – וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ נַייֶע נְשָׁמָה; דֶער בְּאֵר הֵיטֵב בְּרֶענְגְט אַרָאפּ פוּנֶעם אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים סִימָן א, סְעִיף קָטָן ו) **"כָּתַב הָאֲרִ"י זַ"ל: וְשִׁיעוּר מִשְׁנַיוֹת קוֹדֶם לְכָל דָּבָר, וְעַל יְדֵי זֶה זוֹכֶה לִנְשָׁמָה, כִּי 'מִשְׁנָה' אוֹתִיּוֹת 'נְשָׁמָה'"**, וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי זָאל מֶען לֶערְנֶען דִי עֶרְשְׁטֶע שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת, וַוייל דוּרְךְ מִשְׁנַיוֹת אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַ רֵיינֶע נְשָׁמָה; מִשְׁנַיוֹת וַואשְׁט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע פְּגָמִים.

מַה טּוֹב אַז דוּ וֶועסְט זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת יֶעדְן טָאג, דֶער הֵיילִיגֶער מַהֲרַ"ם פַּאפִּירְשׁ זָאגְט (אוֹר צַדִּיקִים סִימָן כב, אוֹת יא): **"טוֹב לִלְמוֹד מִשְׁנַיוֹת בְּכָל יוֹם, וְאִם אֶפְשַׁר שֶׁיַּשְׁלִים חַ"י פְּרָקִים בְּכָל יוֹם, נֶגֶד חַ"י עוֹלָמוֹת מַה טּוֹב וּמַה נָּעִים"**, עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט מֶען זָאל יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, **"יְהִי חֶלְקִי עִמּוֹ"**, אִיךְ וִויל הָאבְּן אַ חֵלֶק מִיט דֶער וָואס פִירְט זִיךְ אַזוֹי, **"כִּי הוּא תִּיקּוּן גָּדוֹל לִפְגַם הַבְּרִית, סוֹד אֵל חַי"**, וַוייל מִיטְ'ן זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אִיז מֶען מְתַקֵּן וָואס מֶען הָאט פוֹגֵם גֶעוֶוען אִין דִי חֵטְא פוּן פְּגַם הַבְּרִית, "וְיֵשׁ לָהֶם גַּם כֵּן סְגוּלָה לַהֲרוֹג הַיֵּצֶר הָרָע", אוֹיךְ הָאט דָאס אַ סְגוּלָה צוּ הַרְגְ'עֶנֶען דֶעם יֵצֶר הָרָע, "גַּם סְגוּלָה לְהַמְשִׁיךְ נְשָׁמָה, שֶׁהִיא אוֹתִיּוֹת מִשְׁנָה", אוֹיךְ הָאט דָאס אַ סְגוּלָה צוּ בְּרֶענְגֶען אַ רֵיינֶע נְשָׁמָה אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ.

מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט, עֶר הָאט מְקוּבָּל אוֹיף דֶעם וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַרַיין גֶעפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן; אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג כַּךְ וְכַךְ, יְהֵי' אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶ', וֶועט אִים דִי תּוֹרָה אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן זַיין פְּלָאנְטֶער אוּן עֶר וֶועט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף "חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת"; אֲפִילוּ אַזַא אֵיינֶער וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין דִי בְּלָאטֶע, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג "חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת", – וֶועט אִים דִי תּוֹרָה אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן זַיינֶע נִישְׁט גוּטֶע **מַעֲשִׂים**.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

עצתו אמונה ויצא תשפ"א



ער שלאגט זיך, יעדע פאר וואכן נאך א
טעלעפאן צובראכן! - ה' תולדות תשפ"ו
03:19
03:10
מאמדאני... אמעריקא גייט אונטער
03:35
ער וויל נישט זיין די נער וואס בלייבט
בינדן ספרים...! - א' תולדות תשפ"ו
01:08
5 מינוט
01:38
איין פארוואס האסטו מיר נישט געזאגט
אז ער ליידט? - ג' חיי שרה תשפ"ו
put on tefillin

ישראל דוד העסקעל

מיר לעבן היינט אין א וועלט וואס די עצות און חיזוק וואס דער ראש ישיבה שליט"א זאגט און געבט אונז איבער, איז ברייט באקאנט ביים אלגעמיינעם אידנטום, יעדער איד ווייסט אז אין יעדן מצב וואו ער זאל זיך נאר נישט געפונען וועט ער טרעפן חיזוק ווערטער פונעם ראש ישיבה שליט"א.

אנצוקומען צו טרעפן דעם ראש ישיבה'ס דיבורים און התחזקות איז געווארן פון די גרינגסטע זאכן היינט... די התחזקות קען מען טרעפן פונעם ספרים שאנק ביז די נידריגסטע פלעצער וואו א מענטש פאלט אראפ, גם שם נמצא השם יתברך וועט א איד פון דארט אויך קענען ארויסקריכן מיטן טרעפן דעם ראש ישיבה'ס התחזקות.

ווען האט זיך דאס אלעס אנגעהויבן? פאר ביז נישט לאנג צוריק איז דער ראש ישיבה'ס נאמען געווען פארהוילן, די וועלט האט נישט געוואוסט צו זאגן פון די התחזקות. יא אוודאי, די ישיבה איז געשטאנען, דער ראש ישיבה האט פארגעלערנט שיעורים, און ס'איז געווען א קליינע חבריא וואס האבן צוגעהערט און זיך מחי' געווען, אבער דאס אז איד סיי וואו אימער אין די וועלט זאל זיך קענען מחזק זיין און זיך צוקלעבן צום אייבערשטן, דאס האט דאן נאכנישט עקזיסטירט! ביז....

ביז ס'איז געקומען די רעוואלוציע פון 'חיזוק יומי' וואס האט פשוט כפשוטו איינגענומען די וועלט, אריינגעברענגט א רוח החיים אין אידישע נשמות וואס וואלטן אנדעם פארפאלן געגאנגען, עס האט אריינגעברענגט די לעכטיגע לימודים פון הייליגן רבי'ן, איבערגעגעבן אזוי ווי מוהרא"ש און דער ראש ישיבה ברענגט עס אראפ, אז יעדעס איינציג אידיש קינד אין יעדע מצב וואו ער זאל זיך נאר געפונען זאל קענען שעפן חיות.

**היינט זעצן מיר זיך אוועק מיט דער חשובער מנהל הרב אברהם שטראסער שליט"א ווי מיר גייען הערן פון אים וואס עס ליגט אלץ אונטער די צוויי פשוטע אבער אויפשאקלענדע ווערטער 'חיזוק יומי'.**



פאר אלעם, לאמיר שנעל איבערגיין אין קורצן מיין התקרבות צו היכל הקודש.

ווי אלע ווייסן בין איך געווען א יוגנט פריינט פאר דער ראש ישיבה, מיר האבן געלערנט אינאיינעם אין ישיבה, מיר האבןביידע זייער געגליכן נגינה, און פלעגן אסאך פארברענגען איבער די נושא פון ניגונים, דאס איז געווען אונזער עיקר שייכות.

נאך די חתונה האבן מיר ביידע געפלאמט און געשטרעבט מיט די גאנצע כח צו קענען זיין ערליכע אידן. אזוי ווי דער ראש ישיבה דערמאנט כסדר ביי די שיעורים, איז ער געגאנגען צו יעדן גוטן איד וואס איז אים נאר אונטערגעקומען, ער האט געזוכט איינער וואס וועט קענען זעטיגן זיינע רצונות צו שטייגן העכער אין עבודת השם.

ביי מיר איז אויך געווען אזוי. הגם איך בין נישט געגאנגען צו די פלעצער און חבורות דווקא דארט וואו דער ראש ישיבה איז געגאנגען, איך האב מיך געטראפן פלעצער וואס האבן מיך מער געצויגן, און טאקע איבעראל ווי איך בין אנגעקומען בין איך גראד געווארן א קאך לעפל, איך האב אנגעהויבן ארויסגעבן גליונות, שרייבן דרשות און אזוי ווייטער... און אזוי ווי דער ראש ישיבה בין איך אין ערגעץ נישט זאט געווארן.

מיר האבן נאך ווייטער אנגעהאלטן אונזער שייכות, ווען מיר פלעגן זיך טרעפן האבן מיר פארברענגט, און טאקע בעיקר עוסק געווען אין ניגונים, דאס איז מער ווייניגער געווען אונזערע שייכות.

## געטראפן חבורת היכל הקודש

געווען איז דאס איין פרייטאג צונאכטס, ס'איז געקומען קיין וויליאמסבורג א גרויסער רבי, מיר זענען ביידע געווען דארט ביים טיש. איך בין נישט געגאנגען פאר די סיבה פארוואס דער ראש ישיבה איז געגאנגען, און דער ראש ישיבה איז נישט געגאנגען פאר די סיבה פארוואס איך בין געגאנגען, נאר דער אייבערשטער האט אזוי צוגעפירט אז מיר האבן זיך ביידע געטראפן דארט ביי דעם רבינ'ס טיש.

דער ראש ישיבה האט מיר באמערקט און מיר געווינקען ארויסצוקומען אינדרויסן. איך בין ארויס אינדרויסן, און דאן האט דער ראש ישיבה מיר מגלה געווען די אוצר וואס ער האט געטראפן - אונזערע גרויסער רבי מוהרא"ש זי"ע.

דער ראש ישיבה האט אסאך אריינגערעדט אין מיר, ביז איך האב זיך אנגעהויבן איבערצייגן אז דאס איז נישט סתם נאך א סטאנציע, נאר דא ליגט טאקע דער אוצר צו וואס איך לעכץ שוין אזוי לאנג.

צוביסלעך האב איך אנגעהויבן קומען צו שלש סעודת אין די שטיבל פון היכל הקודש אין וויליאמסבורג, די דיבורים דארט פון די תלמידים פון מוהרא"ש האבן מיר געצויגן ווי א מאגנאט. איך האב דאן אפגעמאכט ביי זיך פה אשב כי אויתיה! דא וועט זיין מיין פלאץ.

אינטערעסאנט אנצומערקן, אז תחילת התקרבותי ווען איך האב געהערט די פייערדיגע דיבורים וואס מ'רעדט אין היכל הקודש, בין איך געווען זיכער ביי זיך אז דאס רעדט מען אין אלע







כיתות אין ברסלב, הערשט שפעטער האב איך געכאפט אז די פייער פון מוהרא"ש ברענט נאר דא אין קהילת היכל הקודש.

דאן איינמאל איך בין מקורב געווארן, בין איך געווארן זייער נאנט צו דער ראש ישיבה. מיר פלעגן יעדן טאג שמועסן, האבן שיחות חברים אסאך מאל ממש פאר שעות אין א צי! דעמאלט האבן מיר אנגעהויבן לערנען בחברותא, מיר האבן געשמועסט בחברותא און געגאנגען שפאצירן בחברותא - מיר זענען געווארן זייער נאנט.

אזוי זענען מיר אינאיינעם מקורב געווארן צו מוהרא"ש, און געווארן זייער נאענט איינער צום צווייטן. דער ראש ישיבה איז נאך דאן געווען מיין חבר, דער ראש ישיבה האט קיינמאל נישט זיך אויפגעשטעלט רעדן און געבן דרשות, נאר מיר האבן אינאיינעם געשמועסט.

## די שיעורים אינטער א שלייער

דאן איז די באמבע געפאלן!

די השתלשלות פון די ישיבה איז ברייט באקאנט, דער ראש ישיבה איז געווען קודם איינגעשטעלט אין א צווייטע ישיבה, וואס דארט האט ער נישט געקענט רעדן אלע דיבורים וואס מ'רעדט ביי מוהרא"ש, ווייל די ישיבה איז געווען פון א צווייטע חסידות... אבער אפילו דאן האט דער ראש ישיבה גערעדט צו די בחורים פון קדושה, און פון די ליכטיגע עצות וואס מיר האבן געהערט פון מוהרא"ש, ווי למשל מעביר סדרה זיין יעדן טאג פון וואך און אזוי ווייטער, אלעס אבער זייער אומאפיציעל, קיינער האט נישט געוויסט אז דאס האט עפעס מיטן רבי'ן.

דאן האט דער ראש ישיבה מיך אויך אריינגענומען אין ישיבה, און איך האב געזען ווי אזוי דער ראש ישיבה האט די כוחות צו נעמען בחורים און זיי מאכן פאר ערליכע אידן עובדי השם פשוט כפשוטו. דער ראש ישיבה מיט זיין ווייך הארץ און מיט זיין אמת

האט באוויזן צו ראטעווען אלע בחורים אין אריינלייגן אין זיי יראת שמים.

אבער ליידער נאך א קורצע תקופה פון בערך צוויי יאר האט מען פארשיקט דער ראש ישיבה פון זיין פאסטן. ביי מיר האט זיך דאס געשפירט ממש עק וועלט!

איך דערמאן זיך צוריק יענע צייטן ווי אזוי איך האב גע'טענה'ט מיטן אייבערשטן אז דא איז געקומען א מענטש וואס האט די כח אריינצולייגן יראת שמים אין די הערצער פון בחורים זיי זאלן זיך קענען שלאגן מיט די נסיונות פונעם דור, און דא האט מען אים צוגענומען זיין פאסטן, וואס וועט דא זיין? ווער וועט מחזק זיין די דור? כאטש די פאר בחורים וואס זענען געווען אין אונזער ישיבה האט דער ראש ישיבה געראטעוועט און יעצט גייט דער ראש ישיבה זיך צוריק זעצן אין כולל, ווער וועט זיך אומקוקן אויף די בחורים?!

## מ'עפענט אן אייגענע ישיבה

דער אייבערשטער פארלאזט נישט זיינע קינדער, און גראד נאכדעם האט מוהרא"ש געהייסן דעם ראש ישיבה עפענען א אייגענע ישיבה און ראטעווען די יונגע דור די בני הנעורים.

אזוי האט זיך אנגעהויבן א פרישע עפאכע פון די ישיבה. פון אנפאנג האט עס נישט אפיציעל געטראגן דעם נאמען ברסלב, אבער נאך א תקופה ווען ס'איז סייווי באקאנט געווארן אין גאס אז דער ראש ישיבה איז א תלמיד פון מוהרא"ש, און לייגט אריין אין די בחורים די אלע זיסע לעבעדיגע עצות וואס מוהרא"ש האט אונז מגלה געווען צו קענען ווערן ערליכע אידן און צדיקים, האט מען שוין אפיציעל ארויפגעלייגט דעם ברסלב'ן קרוין אויף די ישיבה.

דאן אין די נייע ישיבה האבן געלערנט עטליכע בחורים וואס זענען געווען גענוג שטארק און צוגעקלעבט צו דער ראש

ישיבה נאך פון די פריערדיגע ישיבה, און עטליכע בחורים פון דא און דארט. איך געדענק איך בין געווען אזוי שטארק מיט די ישיבה אז ס'זענען געווען בחורים וואס האבן געקווענקלט יא קומען נישט קומען, האב איך דעמאלט געזאגט פאר יענע בחורים "הער אויס, די ישיבה גייט בלייבן שטיין ביז משיח וועט קומען".

## עמטליכע שיעורים פון רבי'ן

דעמאלט האט זיך אנגעהויבן אין די ישיבה די טעגליכע חיזוק שיעור פאר די בחורים, דאס איז געווען די ערשטע מאל וואס איך האב געהערט דעם ראש ישיבה עמטליך פארלערנען פון רבי'ן און הערן די לעכטיגע זיסע דיבורים. דאן האב איך מחליט געווען אז דער ראש ישיבה איז נישט א חבר, נאר ער איז מיין רבי און מורה דרך וואס איך גיי נאכגיין טויט צו רויט!

דאן איז אויך מו"ה אייזיק אפפעל הי"ו אריינגעקומען אין ישיבה דאווענען מנחה און מחזק צו זיין די ישיבה, נאך מנחה האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט, און ס'איז נישט מעגליך געווען אוועקצוגיין. ר' אייזיק האט זיך דעמאלט אויסגעדריקט צו מיר אויף די שיעורים "דיינעמייט" ... אההה די זיסע לעכטיגע שיעורים!!!

דאן איז געווען אויסגעשטעלט אז דער ראש ישיבה האט פארגעלערנט אין ביהמ"ד פאר די בחורים, און איך בין געזיצן אין ווייבער שול און זיך צוגעהערט צום שיעור. פלעגט אסאך מאל פאסירן אז דער ראש ישיבה האט גערעדט אזעלכע פייערדיגע דיבורים אז איך האב פשוט פארגעסן וואו איך בין, אז איך האב זיך גענומען פאטשן מיט א התלהבות, איך האב זיך אפילו געקענט צושרייען אהה אהה... דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר די בחורים, אהההה דער מנהל האט הנאה...

איך האב דעמאלט ביי מיר אין קאפ געוויסט אז דאס איז די ישועה פאר כלל ישראל! דעמאלט האט אנגעהויבן באָבלען אין מיר אז דער ראש ישיבה איז א לעכטיגקייט וואס מען מוז מפיץ זיין!

## די דרשות הייבן אן ארויסגיין אויף א קליינעם פארנעם

דעמאלט געדענק איך, האב איך אפגעשריבן א שיעור און עס אביסל מפיץ געווען פנימי, אזוי אויך האט מען דעמאלט אנגעהויבן אפצוכאפן די שיעורים פון דער ראש ישיבה און עס מפיץ געווען אויף גאר א קליינע פארנעם.

ס'איז דאן געווען כמעט אוממעגליך צו טראכטן גרעסער, מיר האבן קוים געלעבט, די גאנצע פאקוס איז דאן געווען צו קענען פשוט עקזיסטירן. מיר האבן נאך דאן נישט פארמאגט קיין אייגענעם פלאץ, מיר זענען נאך געגאנגען יעדן זמן גלות ליידן ערגעץ אנדערש.

די ערשטע מאל וואס דער ראש ישיבה'ס שיעורים זענען ארויסגעגאנגען פון די ווענט פון די ישיבה צו די גאס איז געווען ווען מו"ה יואל ראזענבערג הי"ו האט גענומען די שיעורים און





עס ארויפגעלייגט אויף אפאר פאפולערע פלאטפארמעס. דאס איז געווען בשתיקה, ער האט קיינעם נישט געזאגט נאר געטון צו די זאך... עס האט גענומען צייט ביז ווען מענטשן אין היכל הקודש האבן זיך דערוויסט דערפון.

סיי איך און סיי דער ראש ישיבה האבן נישט געהאט קיין אנונג פון דעם. ווען מ'האט פארציילט פאר מוהרא"ש פון דעם, האבן עס מענטשן געוואלט ברענגען אלס א לשון הרע, אבער נאכדעם וואס מו"ה נחמן ניישטיין הי"ו האט פארציילט פאר מוהרא"ש אז ס'זענען דא הונדערטער מענטשן וואס הערן אויס די שיעורים, האט מוהרא"ש זייער הנאה געהאט פון דעם און עס מחזק געווען, מוהרא"ש האט מיר פערזענליך געזאגט אז איך זאל זען אז דער ראש ישיבה'ס שיעורים זאלן ווייטער אנקומען אויף די פלאטפארמעס.

דאן האב איך קאמפאזירט א ניגון וואס איך ווייס נישט אויב אין די ראמען פון אן ארטיקל וועט מען עס קענען הערן, אבער די ווערטער זענען ווי פאלגענד: מ'לאכט זיך גוט אויס, אוי מ'לאכט זיך גוט אויס....

## די מחלוקת דערויף

נישט יעדן איז דאן געפאלן אז דער ראש ישיבה'ס שיעורים ווערן ברייט פארשפרייט, ספעציעל אויף פלאטפארמעס וואס זענען בכלל נישט געאייגנט פאר אידישע קינדער, אבער די וואס קומען ליידער אן דארט ווילן אויך זיין גוט, און דארפן אויך הערן די קול פונעם צדיק. דעריבער איז ווייטער אנגעגאנגען מיט א שטארקייט דאס ארויפלייגן די שיעורים פון דער ראש ישיבה וואו מ'האט נאר געקענט...

דער משל האב איך אלס געהאט פאר די אויגן, ווען מענטשן פלעגן קומען שרייען אז דער ראש ישיבה טוט זאכן אנדערש וכו', ס'דא א מענטש א פאר'חלש'טער, קומט איינער וואס האט געלערנט ביי א דאקטער וויאזוי צו היילן און געבט פאר דעם מענטש אקסידזשען. קומט איינער שרייען אז נישט אזוי האט דער דאקטער געזאגט מ'זאל טון.... איך ווייס נישט... פריער האט איך נישט געקענט אטעמען און יעצט אטעם איך!

הגם דער ראש ישיבה'ס שיעורים זענען שוין ארויס פון צווישן די ווענט פון די ישיבה האט דער ראש ישיבה נישט צופיל געוויסט פון דעם, דער ראש ישיבה איז דאן נאר געווען פארנומען ארייננצולייגן יראת שמים אין די בחורים און נישט געלייגט קיין איבריגע געוויכט אויף אנדערע זאכן.

ס'האט זיך אבער למעשה ארויסגעשטעלט צו זיין א גרויסע טובה דאס אז מענטשן האבן געקענט זען די שיעורים, ווייל ס'איז געווען די תקופה וואס מ'האט זיך אריינגעצויגן אין די סקילמען בנין וואס די גאנצע אויפבוי פון דעם איז צוגעגאנגען מיט גרויס שתיקה צוליב די התנגדות וואס איז דאן געווען אויפן גאס קעגן דער ראש ישיבה, אבער איינמאל מ'האט שוין געהאלטן ביים זיך אריינציען און מענטשן האבן זיך דערוויסט פון דעם, האבן געוויסע בייזע עלעמענטן פרובירט אנצודרייען א גרויסע פראטעסט קעגן די ישיבה, אבער אזויוי די שיעורים זענען דאן ארויס אביסל אויפן גאס, האט עס פארשוויגן אלע לשון הרע'ס וואס די אנשי בליעל האבן געוואלט ארויפקלעבן אויף די ישיבה, און אזוי טאקע דורך די שיעורים איז פארמיטן געווארן א גרויסע חילול השם.



נאך אן אינטערעסאנטע אנעקדאט וואס איז דאן געווען צוליב דעם וואס די שיעורים זענען געווארן אפן פאר סיי ווער, איז געווען אז די מתנגדים פלעגן ציטירן גאנצע שטיקער פון דער ראש ישיבה'ס שיעורים און אזוי האט זיך ארויסגעשטעלט אז זיי האבן גאר מפיץ געווען די שיעורים און מחזק געווען מענטשן אומווילנד...

אין יענע תקופה ווען די ישיבה האט זיך אריינגעצויגן אינעם נייעם בנין אויף סקילמען איז געווען די ערשטע מאל זינט די גרינדונג פון די ישיבה וואס מיר האבן אנגעהויבן צו קומען אביסל אל המנוחה ואל הנחלה, מ'האט שוין נישט געדארפט אזוי שטארק טראכטן ווי אזוי וועלן מיר היינט איבערלעבן...

ס'איז געווארן א נייע הרחבת הדעת, דער ראש ישיבה האט באקומען א אפיס, איך האב באקומען אן אפיס, מיר האבן ענדליך געהאט אונזער אייגן ווינקל, מ'האט אנגעהויבן צו קומען צו זיך.

## למה נגרע?

דאן האט מיר אנגעהויבן עגבערן דעם למה נגרע? פארוואס נאר דער וואס קומט אריין צווישן די פיר ווענט פון די ישיבה זאל וויסן פון די לעכטיגע זיסע עצות און וועג צום לעבן, דאס איז עפעס וואס גאנץ כלל ישראל - יעדער איינציגער איד מוז וויסן!

דעמאלט האט דער ראש ישיבה געמאכט די ערשטע מוזיק ווידיאו פאר ראש השנה און איינער א באקאנטער איז מיר געקומען זאגן אז ער האט דאס באקומען, איינער האט אים עס געשיקט און ס'איז זייער שיין.

דעמאלט האט ביי מיר אויפגעבליצט די געדאנק אז ס'דא אזא זאך אז מענטשן שיקן ארום ווידיאוס, דארף איך זען אויף עפעס א וועג אז ס'זאל זיין נאך ווידיאוס פון דער ראש ישיבה וואס מענטשן זאלן ארומשיקן.

איך האב פארשטאנען אז כדי ס'זאל ארומפארן וועט עס מוזן זיין קורץ. איך האב מיך אנגעהויבן נאכפרעגן ביי די אלצווייסער ווי אזוי מ'מאכט ווידיאוס, ווי אזוי שיקט מען ארום ווידיאוס אא"וו.

דאן האב איך זיך איינגעהאנדלט א לעפטאפ צו קענען אויפדעם מאכן די קורצע ווידיאוס, איך האב מיך ממש נישט אויסגעקענט מיט טעכנאלאגיע, מיט קאמפיוטערס, מיט פראגרעמס, איך בין א לאנגע צייט געזעסן מיט גרויס סבלנות, ביז איך האב אנגעהויבן כאפן די זאך...

## חיזוק יומי בסוד סודות

פאר קיין נברא האב איך דאן נישט אויסגעזאגט וועגן מיינע פלענער. דו מוזט פארשטיין, דער ראש ישיבה איז נאך דאן נישט געווען מפורסם אין די וועלט, גאר ווייניג אינדרויסן פון די וויליאמסבורגער גרעניצן האבן דאן געוויסט בכלל צו זאגן פון

דער ראש ישיבה. און דא וועב איך פלענער וואס וועט האפנטליך באקאנט מאכן דער ראש ישיבה אין די גאנצע וועלט, דער ראש ישיבה האט נישט געזוכט קיין פירסום און ער וואלט זיכער נישט מסכים געווען.

איך מוז דא אויסשמועסן זייער קלאר אז דאס טון א ווילדע זאך אן פרעגן איז נישט עפעס וואס מ'מעג טון, נאר איך האב דאס דאן געטון אלס א הוראת שעה, און דאס טאר מען ח"ו נישט נאכמאכן, נישט דא אזא זאך צו טון אן פרעגן!

באהאלטענערהייט האט איך אנגעהויבן צו מאכן די ערשטע חיזוק יומי'ס, דאן מיט א מטרה צו כאפן די אלע אידן וואס זיצן אויף סאציאלע מידיע - וואס איז דאן נאכנישט געווען אזוי אריינגעכאפט ביי די היימישע פרומע אידן, נאר מער די טשילערס, זיי האבן געהאט צוטריט צו דעם, דעריבער האט איך געוואלט כאפן זייער הארץ. איך האב בעיקר געזוכט שטיקלעך וואו דער ראש ישיבה רעדט פון פשטות יהדות, פון טשילן מיטן אייבערשטן, פון זיין אן ערליכער איד אפילו מ'איז קיל און מ'וויל זיין לופטיג.

איך האב אלץ געהאט פאר די אויגן די שכל פון מוהרא"ש וואס האט אמאל געזאגט לגבי א צווייטע זאך אז אויב ביסטו אפגעפרעגט ביי יעדן דארפסטו שוין נישט מורא האבן צו טון, ווייל אויף וועלכע וועג דו זאלסט נאר גיין וועסטו כאפן א האלבע עולם, דעריבער האב איך טאקע געזוכט און געפאקוסט צו כאפן יענע האלב דורך די חיזוק יומי'ס, די טשילערס, די מענטשן וואס האבן געוואלט הערן חיזוק אויף פשטות יהדות.

דאן איינמאל די ערשטע פָאר חיזוק יומי'ס זענען געווען גרייט נאך שעות און שעות פון ארבעט, האב איך געדארפט זען עס זאל אנקומען אויף די וועלט און אנהייבן ארומצופארן.

## קאמישע קעפלעך

איך האב געוואוסט אז אויב איך וויל ס'זאל שטארק ארומפארן מוז עס זיין קאנטערווערסיאל, עס מוז זיין עפעס א שטיקל וואס וועט ארייננשלעפן דעם מענטש צו וועלן עס קוקן, פלעג איך אלץ מאכן קאמישע אינטערעסאנטע קעפלעך אז מענטשן זאלן דאס מוז עפענען צו זען וואס דא קומט פאר, און דאס גייט נאך אן ביז היינט.

## מ'הייבט אן ארויסצושיקן

איך בין געגאנגען צו מו"ה יצחק ראזענבערג ע"ה וואס איז געווען פאפולער און געהאט אסאך באקאנטע און איך באשוואוירן אז ער טאר נישט פאר קיינעם אנטפלעקן אז איך בין דער וואס מאכט די 'חיזוק יומי', איך האב עס אים געשיקט און ער האט עס ארויסגעשיקט צו זיינע באקאנטע.

איך האב אויפגעמאכט א ספעציעלע נייע טעלעפאן נומער געווידמעט פאר חיזוק יומי, און מיט יעדע חיזוק יומי איז ארויס א מעסעדש אז מ'קען זיך אויפסיינען צו באקומען די חיזוק יומי





צו דעם נייעם נומער.

דאס איז טאקע גראד געווארן א שטורעם, טויזנטער טויזנטער מענטשן בלי גוזמא האבן געשיקט מעסעדזשעס אז זיי ווילן באקומען דעם חיזוק יומי יעדן טאג.

די חיזוק איז געווען עקסטער אויסגעשטעלט אז די מענטשן זאלן הערן וואס זיי ווילן הערן, בעיקר טאקע מער די טשילערס, און זיי שטופן צום אייבערשטן מיט די לעכטיגע זיסע לימודים. למשל פון אנפאנג האב איך קיינמאל נישט געלייגט וועגן דעם דרך הלימוד, נאר פאקוסירט אויף פשטות יהדות.

## ווער שטייט אינטער דעם?

פארשטייט זיך אז מיט אזא שטורעם איז דער ראש ישיבה געוואויר געווארן פון דעם און עס האט אים בכלל נישט געשמעקט אז ער פארט ארום אין די גאנצע וועלט... איך האב ווייטער פאר קיינעם נישט פארציילט אז איך בין עס און אזוי איז עס ווייטער אנגעגאנגען מיט גרויס שטארקייט!

דאן האב איך באקומען מעסעדזשעס אויף די חיזוק יומי נאמבער פון חברים דא היכל הקודש וואס האבן נישט געוואוסט אז איך בין עס, און זיי האבן געשיקט מעסעדזשעס מיך אפירהאלטן ווער איך בין, און אז איך האב נישט קיין רשות צו נעמען די שיעורים און עס פארשפרייטן וכו'. איך האב געענטפערט מיט א צוהאקטע אידיש אז איך מאך חיזוק פאר מענטשן...

איך מוז דא נאכאמאל זאגן אז קיינער טאר דאס נישט נאכמאכן, דאס איז געווען אן הוראת שעה וואס נאר איך האב געקענט טון, און ס'איז נישט דא אזא זאך ווי טון אן פרעגן!

## חיזוק יומי טעגליך

יענע צייטן האב איך געוואוסט אז כדי די חיזוק יומי זאל האבן א קיום און קענען פארשפרייטן דער ראש ישיבה אויף דער וועלט וועל איך מוזן יעדן איינציגסטן טאג ארויסשיקן א חיזוק יומי זאל זיין וואס זאל זיין!

נישט אייביג איז עס געווען אזוי גלאט.... דורך די יאר איז מען געפארן ראש השנה קיין אומאן, און א נסיעה קיין ארץ ישראל, און יעדעס מאל באזונדער איז עס צו געגאנגען מיט א מורא'דיגע מסירות נפש. איך האב זיך געדארפט אנגרייטן פון פאר די נסיעה חיזוק יומי'ס פאר די גאנצע נסיעה ביז מ'קומט צוריק, און דערנאך יעדן טאג עס ארויסשיקן איז געווען א באזונדערע פרשה פאר זיך. אזוי ווי מיר האבן געלאנדעט אין ארץ ישראל בין איך נעלם געווארן אין א ווינקל און ארויסגעשיקט די חיזוק יומי און אזוי יעדן טאג אפילו בשעת א נסיעה האט די חיזוק יומי געמוזט אנגיין.

## די מהפיכה פון חיזוק יומי

טאקע דאן ביי די נסיעות קיין ארץ ישראל איז געווען ווען מ'האט אנגעהויבן צו כאפן די מהפיכה פון חיזוק יומי, אין די ערשטע יארן וואס דער ראש ישיבה פלעגט אפרייזן קיין ארץ ישראל האט ער זיך געקענט דרייען אויף די גאס און קיינער האט נישט געוואוסט ווער דאס איז... אבער פלוצלינג האט זיך עס געגעבן א טויש, דער ראש ישיבה האט ארומגערייזט אין ארץ ישראל אויף מקומות הקדושים און מענטשן האבן אנגעהויבן צוקומען צו דער ראש ישיבה און זיך באדאנקען פאר די חיזוק יומי. איינער איז געקומען זאגן "אין אייער זכות היט איך שבת". א צווייטער איז צוגעקומען זאגן "אין אייער זכות לייג איך תפילין", א דריטער האט געזאגט "איך האט פשוט אויפגערעכטן מיין שטוב", דעמאלט האט מען אנגעהויבן צו כאפן די מהפכה וואס דא קומט פאר.

דאן פלעג איך הערן פון דער ראש ישיבה אסאך ביי שיעורים אומדירעקטע הדרכה ווי אזוי ווייטער צו גיין. דער ראש ישיבה האט צומאל געקענט אויסרימען א חיזוק יומי אז אזוי דארף מען מאכן, און צומאל זייער שארף גערעדט אויף א חיזוק יומי ווי



למשל "אזעלכע זאכן לייגט מען ארויס?!"

## די סוד רינט ארויס

ס'איז געווען ביי איינע פון די נסיעות קיין ארץ ישראל, וואס וואו דער ראש ישיבה איז געגאנגען האבן מענטשן געהאלטן אין איין אפשטעלן זיך ממש באדאנקען פאר זייער לעבן, דאן האב איך געשפירט ווי ס'איז שוין די רייפע צייט אז מ'זאל שוין וויסן אז איך בין עס, ס'דארף שוין נישט זיין קיין סוד.

דער ראש ישיבה האט חושש געווען אז איך בין דער וואס מאכט עס, מ'קען זען אויף א אלטע רעקארדירונג ווען די ישיבה איז געווען אין יבניאל, ווי אזוי דער ראש ישיבה האט אויסגערעכנט ביים ציון פון מוהרא"ש אלע וואס העלפן און טוען צו אויפבויען דעם רבינ'ס מוסדות און העלפן מיט הפצה, דאן האט דער ראש ישיבה אויסגערעכנט די נייע 'חיזוק יומי' וואס מענטשן זענען זיך ממש מחיה מיט דעם, און דער ראש ישיבה האט געקוקט אויף מיר אנצודייטן אז איך מאך עס, האב איך געוויזן מיט מיין פינגער אויף מו"ה מנחם מענדל שימשאוויטש הי"ו וואס איז געווען א בחור אין ישיבה און ער איז געשטאנען אנטקעגן מיר....

דער ראש ישיבה האט מיר דאן געפרעגט: "זאג מיר די אמת, ווער מאכט די חיזוק יומי?" דעמאלט האב איך געזאגט פאר דער ראש ישיבה אז איך בין עס!

איינמאל די סוד איז ארויס איז עס נאר געווארן נאך שטערקער און שטערקער. דער ראש ישיבה האט עס מחזק געווען, ביז ס'איז זיך ב"ה צוואוקסן צו די חיזוק יומי אימפעריע וואס יעדער קען שוין היינט וואס ווערט פארשפרייט אויף יעדעס איינציגע פלאטפארמע, און פארט ארום איבער דער גארער וועלט און איז מחיה אידישע קינדער.

## די שאורטס

היינט איז שוין דא סיי די חיזוק יומי'ס וואס באשטייט פון



עטליכע מינוט ווי אויך די שאָורטס וואס זענען פיל קערצער צווישן דרייסיג סעקונדעס און א מינוט. ווי אויך היינט לייג איך שוין ארויס אלע סארט נושאים וואס דער ראש ישיבה רעדט, נישט נאר פשטות יהדות נאר אויך די דרשות פון קדושה, פון דעם זיסן דרך הלימוד און פון אלע עצות פון הייליגן רבי'ן.

## היט שבת

אן אינטערעסאנטע מעשה צו פארענדיגן. איך בין אמאל געווען מיט דער ראש ישיבה ביי א חתונה, דער פארטאגראפירער - א איד מיט א קליין קאפל, ער האט נישט אויסגעזען צו זיין א היימיש אינגל, קומט צו צו אונז און זאגט פאר דער ראש ישיבה איך מוז אייך עפעס פארציילן:

איך בין ליידער געווען זייער געפאלן און ליידער האב איך נישט געהיטן קיין שבת, איין שבת זיצנדיג אויף סאציאלע מידיע איז ארויסגעקומען א קליפ פון אייך ווי איר בעט זיך 'היט שבת'! דער ראש ישיבה האט געזאגט דארט "איך בעט דיר, אויב ביסטו אזוי געפאלן אז דו קוקסט טאקע דעם שיעור אויף שבת, בעט איך דיר פון יעצט לייג אוועק דיין טעלעפאן, און הייב אן היטן שבת!"

א סקרוך איז מיר אדורך די ביינער, איך האב גראד געפאלגט, און פון דאן בין איך ב"ה געווארן א פולקאמער שומר שבת!

## לאמיר אלע טון פאר הפצה

און פאר דיר טייערע ליינער בעט איך "טו פאר הפצה". קענסט נישט ארומגיין מיט ספרים? שיק ארום די חיזוק יומי פאר דיינע חברים, נישט קיין חילוק אויף וועלכע וועג דו קענסט, פשוט ראטעווען א איד! ס'איז היינט אזא גרינגע וועלט, יעדער שיקט ארום זייערע שטותים פון שטותים והבלים, איז העלפ'זשע דיין חבר, דיין משפחה מיטגליד, שיק אים אריין א חיזוק יומי! היינט קען מען אויך הערן די חיזוק יומי אויף קול ברסלב, זאג פאר א בחור, זאג פאר א אינגערמאן אז ער קען הערן שיינע חיזוק, עס וועט אים טוישן זיין לעבן.

# געדאנקען

# דער וואזשנער איד מיט'ן פוכענעם שאל

א זוי ווי ביי די מצוינים הייבט שוין אן צו ווערן עטוואס שטימפיג די גלאנציגע פלאר, די פרישע COAT פון LACQUER און POLYURETHANE וואס מען האט אקארשט געגאסן בין הזמנים תשרי אויף די טייערע מצוינים'דיגע HERRINGBONE HARDWOOD איז שוין נישט דאס וואס עס איז געווען פיר וואכן צוריק, די לעד פענסל אין וועסטל טאש שטייט שוין נישט מיט אזא שטייפע גראדקייט ווי ראש חודש חשון, די נייע סטעינלעס סטיל טישל אין קאווע שטיבל איז שוין גאנץ פארברוינט פון די פייכטע טעיסטער טשויס פון די נאסע רעגנדיגע כמארעדיגע טעג, די חק"ס בינדן טעיפ קלעבט שוין נישט, די שטריק האט מען שוין צושניטן מיט א דזשילעט אינמיטן ספר בשעת'ן לערנען בעיון דריי בלאט א זמן, שוין צוגעשריבן ביי די מעות קדימה'ס אלע מיני קללות אויף די נעמען פון די וואס גייען נישט אין שפאן, דא און דארט הייבט מען שוין אן צו טראכטן צו נעמען א נייע חברותא ווייל דער ביז איצטיגער וויל זיך שוין יא נעמען א ביסל אין די הענט אריין, ער הייבט שוין אן קומען עטוואס צייטליכער, וועלן מיר פרובירן זען וואס פאר אן עצה מוהרא"ש האט פאר א בחור אין יעצטיגן מצב.

וואס דארף מען צו טון אין א מצב ווען דאס פרישקייט פון ראש חודש חשון איז שוין א זאך פון אמאל.

וואס דארף מען צו טון ווען איך האב שוין נישט קיין געדולד צו ווארטן נאך א צוויי וואכן ביז עס הייבט זיך אן די פיר חדשים'דיגע בין הזמנים.

עס איז באוואוסט אז דאס ווערטל "פאר א נאר ווייזט מען נישט קיין האלבע ארבעט" איז געזאגט געווארן אויף די דרך הלימוד (עיין בספר אשית עצות בנפשי קונטרס צ"ו פרשת בהר בחוקותי תשפ"ה).

געשען איז די מעשה מיט פיל יארן צוריק, דעמאלטס האט געלעבט דער גרויסער אלעמען באקאנטער שוטה מיט'ן נאמען משה טיפש וואס היסטאריקער געבן אן אז ער איז געווען דער מלך הטפשים, וואו אויף דער וועלט עס איז נאר געווען אמאל א טיפש, האט דער משה טיפש אים איבערגעשטיגן מיט זיין אויסערגעוועינליכע מייסטערהאפטע טיפשות, מען זאגט אז מענטשן פלעגן שטיין און שטוינען שעות נאכאנאנד ווי עס קען ארייננגיין אזא ריזן מאס טיפשות אין אזא קורצגעוויקסיג געשטעל ווי עס איז משה טיפש.

איינמאל נאכ'ן אויפעסן א עפל, זעט ער נעבן זיך אין גארטן א שמאלע טיפע לעכל און געבט דארט א שליידער אריין דאס איבערגעבליבנס פון זיין עפעלע, מיט די קערעלעך.

נאך פינף מינוט הייבט אן משה טיפש צו שרייען! כ'פארשטיי נישט! מיין מאמע האט געזאגט אז אויב מען לייגט אין דער ערד קערעלעך פון א עפל, וואקסט ארויס א הערליכע ריזיגע שמעקעדיגע בוים מיט הונדערטער נאראפטיגע עפעלעך, און דא זע איך גארנישט! שוין גאנצע פינף מינוט אדורך פון ארייגלייגן די קערל אין דער ערד און איך זע נאכנישט דעם בוים!

א בחור זיצט אין ישיבה און הייבט אן זאגן משניות און שוין דורך גאנצע פינף מינוט און איך פיל נאכנישט קיין טעם!

וואס גייט דא פאר?!

דער ראש ישיבה זאגט אלעמאל אז אויב מען זאגט משניות ווערט די לעבן זיס?! איך זאג שוין משניות דא איבער פינף מינוט?! ווען גיי איך פילן די זיסע טעם אין מיין לעבן?!

פאר א נאר ווייזט מען נישט קיין האלבע ארבעט, זאגט דער ראש ישיבה, געב עס א טשענס, באלד וועסטו זען שיינע זאכן.

ווי אזוי איז מען זוכה ליב צו האבן צו לערנען?! וואס מיינט דאס

# איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

אז א מענטש זאגט "איך האב נישט קיין נערוון צו לערנען"?!

מוהרא"ש זאגט (שאלות ותשובות ברסלב יום א' תרומה תשע"ג) אז מען געוויינט זיך צו צו זאגן גמרא, באקומט מען א חשק צו לערנען, באקומט מען א גליסטעניש ביז מען וויל נישט אפלאזן די תורה.

דורך זאגן משניות און זאגן גמרא וועסטו אנהייבן האבן געדולד צו לערנען.

נישט נאר געדולד, נאר דיין גרעסטע הנאה אין לעבן וועט זיין צו לערנען.

ווער נישט אומגעדולדיג נאך פינף מינוט, טראג נישט קיין פנים ווי יענער נאר וואס האט נישט קיין געדולד אויסצואווארטן זיין הצלחה אין לעבן.

די לייטער פון פרשת ויצא, די סולם פון יעקב, קומט אונז צו לערנען אז אויב מען האט געדולד קומט מען אן.

מיט די סולם קען מען טאקע אנקומען ביז צום הימל, אבער עס האט א תנאי, מען מוז זיין געדולדיג, אזוי ווי ביי א לייטער, אז מען לאזט אויס איין טרעפל, גליטשט מען זיך אויס און מען פאלט אינגאנצן אראפ פון לייטער (גליון שיחות מוהרא"ש פרשת ויצא מאמר "הקול דקדושה"). האב געדולד צו די טרעפל וואו דו האלטסט יעצט, גיי בהדרגה, גיי ביסלעכוויז, SLOW AND .STEADY

אין לעבן מוז מען זיין געדולדיג, מען מוז האבן סבלנות. דערפאר האט די ווארט 'קול', וואס איז בגימטריא 'סולם', א קו"ף און א למ"ד און א וא"ו, די למ"ד איז די העכסטע אות, די קוף איז די נידעריגסטע אות, און די וא"ו איז די רמז אויף די קנה וואס געבט ארויס די קול, ווייל די קנה האט זעקס טבעות, קומט אויס אז סיי אויב דו ביסט הויך ווי א למ"ד סיי דו ביסט נידריג ווי א קו"ף, נוץ דיין מויל, רעד צום אייבערשטן, און זאג פרקים משניות, דאס וועט דיך העלפן אין יעדע מצב.

מיט'ן רבינ'ס דרך הלימוד קען יעדער איינער מצליח זיין צו לערנען תורה מיט התמדה און מיט חשק, אפילו דער שוואכסטער קאפ.

מוהרא"ש ברענגט דאס וואס עס איז באוואוסט אז דער הייליגער מהר"ם שיק זכותו יגן עלינו האט פון אנהייב גארנישט פארשטאנען נאר גע'חזר'ט און גע'חזר'ט (אשר בנחל ערב שבת קודש ואתחנן תש"ן).

מוהרא"ש ברענגט דארט אז דער הייליגער מהר"ם שיק האט געזאגט איך וועל מחייב זיין יעדן שוואכן קאפ, ווייל פון מתן תורה ביז יעצט איז נישט געווען איינער זאל אזוי שווער פארשטיין לערנען ווי איך, און דורך אסאך חזר'ן האב איך זוכה געווען צו וואס איך האב זוכה געווען.

דעם רבינ'ס דרך הלימוד איז פאר שוואכע קעפ און גוטע קעפ צוגלייך, דעם רבינ'ס דרך הלימוד איז "פאר יעדן איינעם". (עצתו אמונה ג' ויחי תשע"ח).

שתהיו עמלים בתורה, זאגט דער ראש ישיבה, מיינט אז מען פלאגט זיך צו זאגן אסאך ווערטער פון משניות און גמרא, אפילו מען פארשטייט נישט, דאס איז עמלות, ווייל אז מען פארשטייט איז עס נישט אזוי שווער, ווען מען פארשטייט נישט וואס מען זאגט קומט עס אן גאר שווער, אבער נאכדעם באקומט מען שיינע זאכן פאר דעם. (אשית עצות בנפשי קונטרס צ"ו פרשת בהר בחוקותי תשפ"ה).

מיר גייען זיך נישט דערשרעקן פון דעם אז דער יצר הרע האט שוין PROOF אז תשפ"ו איז שוין א דורכפאל ווי לעצטע יאר און ווי צוויי יאר צוריק און מפטירין כדאתמול. ניין! ניין און ניין! טויזנט מאל ניין!

מיט'ן וועג פון צדיק וועלן מיר מצליח זיין!

יעדן טאג משניות! יעדן טאג גמרא!

און אויב א וואזשנער איד מיט א ברייטע פוכענע ווייסע עובד'ישע שאל וועט מיר קומען זאגן אז די זאך פון זאגן משניות איז נישט פאר מיר, נאר פאר די שוואכע, וועל איך אים זאגן אז איינער (מיט טויזנט אויגן) קומט מיך נעמען באלד און איך מוז זיין רעדי.

אזוי ווי מען זאגט עס אויף די מעקסיקאנער ענגליש.

.I NO TIME

.I BUSY MAN

אז מיר וועלן זאגן משניות יעדן טאג וועט זיין ותשחק ליום אחרון, מיר וועלן א גרויס געלעכטער טאן.



# א מעשה פון א צדיק

אהרן קליטניק

## אַ שִׁידוּךְ דוּרְךְ שְׁמִירַת עֵינַיִם

**חלק א'**

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי יְחֶזְקֵאל פאנעט זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בַּעַל מְחַבֵּר סֵפֶר מַרְאֶה יְחֶזְקֵאל הָאט גֶעהַאט אַ בֶּן יָחִיד הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי מְנַחֵם מֶענְדְל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בַּעַל מְחַבֵּר סֵפֶר מַעְגְלֵי צֶדֶק.

וֶוען רֶבִּי מְנַחֵם מֶענְדְל אִיז גֶעוֶוען אַ יוּנְגֶער בָּחוּר הָאט זַיין טַאטֶע רֶבִּי יְחֶזְקֵאל אִים גֶעשִׁיקְט לֶערְנֶען קַיין פְּרֶעשְׁבּוּרְג צוּ דִי יְשִׁיבָה פוּנֶעם הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפָר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, זָאגֶענְדִיג אַז דִי שְׁכִינָה רוּהְט אִינֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ פוּנֶעם הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפָר.

דֶער בָּחוּר רֶבִּי מְנַחֵם מֶענְדְל נִישְׁט נָאר וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט זֵייעֶר פְלַייסִיג, אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ חִידוּשׁ אִין שְׁמִירַת עֵינַיִם, עֶר הָאט פָּשׁוּט נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעקוּקְט פוּן זַיינֶע ד' אַמוֹת, אַלְץ אִיז עֶר גֶעוֶוען מִיטְן קָאפּ אַרָאפּ אוּן נִישְׁט אַרוּמְגֶעקוּקְט

נָאכְן לֶערְנֶען אַ יָאר אִין דִי יְשִׁיבָה פוּנֶעם הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפָר הָאט עֶר בַּאקוּמֶען אַ בְּרִיוו פוּן זַיינֶע עֶלְטֶערְן אַז עֶר זָאל שׁוֹין אַהֵיימְקוּמֶען, וַוייל זֵיי וִוילְן אִים שׁוֹין טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ.

אִיז עֶר אַרַיין צוּם הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפָר פְרֶעגְן רְשׁוּת צוּ עֶר קֶען אַהֵיימְפָארְן, דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר הָאט אִים גֶעגֶעבְן רְשׁוּת אוּן צוּגֶעלֵייגְט: "דוּ גֵייסְט יֶעצְט אַדוּרְךְ פָּארְן דִי שְׁטָאט אוּהֶעל וָואס דָארְט וואוֹינְט דֶער צַדִיק דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, גֵיי אַרַיין צוּ אִים אוּן בַּאקוּם אַ בְּרָכָה פוּן אִים". אַזוֹי הָאט עֶר טַאקֶע גֶעטוּן. עֶר קוּמְט אָן צוּם שְׁטָאט אוּהֶעל אוּן גֵייט אַהִין צוּם שְׁטוּבּ פוּנֶעם הֵיילִיגְן יִשְׂמַח מֹשֶׁה אוּן עֶר בֶּעט אַרַיינְצוּגֵיין צוּם רֶבִּי'ן, אָבֶער מֶען הָאט אִים גֶעעֶנְפֶערְט אַז מֶען קֶען יֶעצְט נִישְׁט אַרַיינְצוּגֵיין, אֶפְשָׁר אַפָּאר טֶעג אַרוּם וֶועסְטוּ קֶענֶען אַרַיינְגֵיין.

אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען דִינְגֶען אַ דִירָה פַאר אַפָּאר טֶעג, וואוּ עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען אוֹיפְהַאלְטְן בִּיז עֶר קֶען אַרַיינְגֵיין צוּם צַדִיק.

לְמַעֲשֶׂה אִיז דָאס גֶעוֶוען אִין דִי זוּמֶער טֶעג, עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר הֵייס אוּן עֶס הָאט אִים אָנְגֶעכַאפְּט זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע דוּרְשְׁט אוּן הוּנְגֶער. אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּם מַארְק קוֹיפְן עֶפֶּעס עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען צוּ שְׁטִילְן זַיין הוּנְגֶער. דִי גַאנְצֶע וֶועג אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען מִיט דִי קָאפּ אַרָאפּ נִישְׁט אַרוֹיסְקוּקֶענְדִיג פוּן זַיינֶע ד' אַמוֹת. עֶר קוּמְט אָן אִין מַארְק צוּ אַ טִישׁ וָואס פַארְקוֹיפְט מֶעלוֹינֶעס, לְמַעֲשֶׂה אִיז אִים נִישְׁט גֶעפָאלְן קַיין אֵיינְס פוּן דִי מֶעלוֹינֶעס, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין צוּ אַן אַנְדֶערֶע טִישׁ. פְּלוּצְלִינְג הֶערְט עֶר אַ קוֹל וָואס זָאגְט "צַדִיק זֶה בָּא לְבֵית מְלוֹנִי, וַיִפְּטַר בְּלֹא מֶעלוֹינֶע?" רֶבִּי מְנַחֵם מֶענְדְל אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעמִישְׁט טְרַאכְטֶנְדִיג וֶוער זָאגְט דִי וֶוערְטֶער, עֶר הָאט זִיךְ אַרוּמְגֶעדְרֵייט אוּן אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זַיינֶע אוֹיגְן צוּ קוּקְן וֶוער עֶס הָאט אִים דָאס גֶעזָאגְט, אוּן עֶר בַּאמֶערְקְט אַז דָאס אִיז אַ מֵיידְל וָואס שְׁטֵייט בַּיי דִי טִישׁ פוּן דִי מֶעלוֹינֶעס וָואס זִי אִיז דִי פַארְקוֹיפֶער. עֶר הָאט גֶעהַאט גְרוֹיס חֲלִישַׁת הַדַעַת, עֶס הָאט אִים זֵייעֶר וִוי גֶעטוּן אַז עֶר אִיז נִכְשָׁל גֶעוָוארְן מִיט קוּקְן אוֹיף אַ פְרֶעמְדֶע מֵיידְל.

עֶר אִיז צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין דִירָה, עֶר הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן אוֹיף דֶער עֶרְד, אוּן הָאט בִּיטֶערְלִיךְ גֶעוֵויינְט: "בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, וָואס הָאבּ אִיךְ דָא גֶעטוּן, זַיי מִיר מוֹחֵל". דֶער בַּעַל הַבַּיִת פוּן דִי דִירָה וָואס אִיז גֶעוֶוען דֶער רֹאשׁ הַקָהָל אִינֶעם שְׁטָאט אוּהֶעל, הָאט גֶעהֶערְט אַזֶעלְכֶע שְׁרֵייעֶרְייעֶן אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ לוֹיפְן צוּ זֶען וָואס עֶס הָאט דָא פַּאסִירְט. עֶר קוּמְט אַרַיין אִינֶעם דִירָה אוּן עֶר זֶעט וִוי דֶער בָּחוּר לִיגְט אוֹיפְן עֶרְד אוּן וֵויינְט יָאמֶערְלִיכֶע בְּכִיוֹת. גֵייט עֶר צוּ אוּן פְרֶעגְט אִים: "וָואס גֵייט פַאר? וָואס הָאט פַּאסִירְט? מִיט וָואס קֶען אִיךְ דִיר הֶעלְפְן?"

רֶבִּי מְנַחֵם מֶענְדְל הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט דֶערְצֵיילְן, אָבֶער נָאכְן זִיךְ שְׁטַארְק אַיינְבֶּעטְן בַּיי אִים הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט פַארְן בַּעַל הַבַּיִת: "אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין מַארְק אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעקוּקְט אוֹיף דִי מֵיידְל וָואס שְׁטֵייט בַּיי דִי טִישׁ פוּן דִי מֶעלוֹינֶעס, אוּן עֶס בַּאדֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז אִיךְ בִּין אַזוֹי דוּרְכְגֶעפַאלְן, אִיךְ דַארְף אַ תִּיקוּן, טְרָאג מִיר צוּם רֶבִּי'ן פוּן אוּהֶעל!"




*צווייטע חלק קומענדיגע וואך אי"ה*

**(שיחות מוהרא"ש חלק טו' ערך עינים)**



# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע

קל"ט

## פָארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

אִין אֵיינֶע פוּן דִי טֶעג פוּן עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְשוּבָה הָאט דֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן אַ לַאנְגֶע תּוֹרָה וָואס הָאט זִיךְ גֶעצוֹיגְן פַאר פִיר שָׁעָה.

אִין דִי תּוֹרָה זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אַ בְּחִינָה פוּן "בָּשָׂר - פְלֵייש", אוּן אַנְדֶערֶע זֶענֶען אַ בְּחִינָה פוּן "עֶצֶם - בֵּיין", וֶוען דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען וִוי פְלֵייש הֶערְן דֶעם קוֹל פוּנֶעם צַדִיק וִוי עֶר זָאגְט תּוֹרָה, זֶענֶען דִי רֵייד פוּנֶעם צַדִיק זֵיי מְעוֹרֵר אוּן בְּרֶענְגְט זֵיי צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער דִי אַנְדֶערֶע סָארְט מֶענְטְשְׁן, וָואס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוּן זֶענֶען וִוי אַ בֵּיין, זֵיי הֶערְן נִישְׁט דֶעם קוֹל פוּנֶעם צַדִיק, אוּן אֲפִילוּ וֶוען זֵיי הֶערְן יָא דֶעם קוֹל, כַאפְּן זֵיי נָאר אוֹיף דֶעם "קוֹל הֲבָרָה", דֶעם וִוידֶערְקוֹל, אוּן זֵיי כַאפְּן נִישְׁט קַיין הִתְעוֹרְרוּת דֶערְפוּן.

מֶען הָאט אָבֶּער פַארְשְׁטַאנֶען פוּנֶעם רֶבִּי'ן אַז עֶס לִיגְט עֶפֶּעס טִיפֶערְס אִין דֶעם; אַז אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס אִיז טַאקֶע טִיף אִין גְרוּב, עֶר אִיז אַ שְׁטִיק בֵּיין, עֶר אִיז וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייט פוּנֶעם צַדִיק, אוּן וַוייט פוּן זַיין אֵייגֶענֶע נְשָׁמָה; אוֹיבּ אָבֶּער וֶועט עֶר זִיךְ גוּט אָנְשְׁפִּיצְן דִי אוֹיעֶרְן, עֶר וֶועט צוּלֵייגְן זַיין קָאפּ אוּן מֹחַ אוּן זִיךְ שְׁטַארְק אָנְשְׁטְרֶענְגֶען יָא צוּ הֶערְן וִוי זַיין נְשָׁמָה בֶּעט זִיךְ בַּיי אִים, וִוי דִי צַדִיקִים רֶעדְן צוּ אִים, זֵיי ווִילְן אִים צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אוֹיפְ'ן גְלַייכְן וֶועג, זֵיי ווִילְן אִים צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט דֶער מֶענְטְשׁ נָאךְ יָא אַ הָאפֶענוּנְג יָא צוּ הֶערְן דִי הֵיילִיגֶע קוֹלוֹת, אוּן עֶס וֶועט אִים יָא הֶעלְפְן צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

לָאמִיר לֶערְנֶען דִי פָּשוּטֶע פְּשַט אִין דִי מִשְׁנָה, זָאגְן אוּנְז חֲזַ"ל דִי הֲלָכָה פוּן תְּקִיעַת שׁוֹפָר, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ בְּלָאזְט גֶעהֶערִיג שׁוֹפָר, דַארְף מֶען נִישְׁט קְלֶערְן אוֹיבּ עֶר הָאט טַאקֶע גֶעהֶערְט דֶעם קוֹל שׁוֹפָר אָדֶער נָאר אַ ווִידֶערְקוֹל, מֶען וֵוייסְט זִיכֶער אַז עֶר הָאט גֶעהֶערְט שׁוֹפָר אוּן עֶר הָאט יוֹצֵא גֶעוֶוען, נָאר וֶוען עֶר בְּלָאזְט אִין אַ גְרוּבּ, דֶעמָאלְט דַארְף מֶען מַבְחִין זַיין וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעהֶערְט, אוֹיבּ עֶר הָאט גֶעהֶערְט דֶעם קוֹל פוּנֶעם שׁוֹפָר אַלֵיין אָדֶער נָאר פוּנֶעם ווִידֶערְקוֹל. דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיים פְּשַט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט אַרַיין, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז וִוי פְלֵייש, דֶעמָאלְט אִיז קְלָאר אַז עֶר הֶערְט דֶעם קוֹל פוּנֶעם צַדִיק אוּן פוּן זַיין נְשָׁמָה, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אָבֶּער וִוי אַ בֵּיין, דֶעמָאלְט דַארְף מֶען מַבְחִין זַיין וָואס עֶר הֶערְט, סְתָּם אַזוֹי הֶערְט עֶר טַאקֶע נָאר דֶער ווִידֶערְקוֹל, עֶר דֶערְהֶערְט נִישְׁט אֱמֶת'דִיג דִי הֵיילִיגֶע קוֹלוֹת וָואס שְׁרֵייעֶן צוּ אִים, וֶועקְן אִים, עֶר זָאל וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוֹיבּ אָבֶּער שְׁטְרֶענְגְט עֶר זִיךְ, עֶר קְרֶעכְצְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן ווִיל אֱמֶת'דִיג יָא זַיין ווָאוֹיל, נָאר עֶר אִיז גֶעבִּינְדֶען בַּיי זַיין יֵצֶר הָרָע, עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אָפְּרַייסְן פוּן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע גֶעווָאוֹינְהֵייטְן, דֶעמָאלְט קֶען עֶר יָא זוֹכֶה זַיין צוּ הֶערְן דִי הֵיילִיגֶע קוֹלוֹת, אוּן דָאס וֶועט אִים עֶרְוֶועקְן אוּן וַוייזְן דֶעם וֶועג צוּרִיק אַרוֹיס פוּנֶעם טִיפְן גְרוּבּ.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִי לַאנְגֶע תּוֹרָה, אִיז עֶר דִי גַאנְצֶע צַייט גֶעוֶוען אִין אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְלַהֲבוּת, זַיין הֵיילִיגֶע גֶעזוּכְט אִיז גֶעוֶוען רוֹיט אוּן גֶעשַׁיינְט מִיט אַ שְׁטַארְקֶע פְלַאם.

אִינְמִיטְן דִי לַאנְגֶע תּוֹרָה זָאגְט דֶער רֶבִּי דָארְט אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף גֵיין אַלְץ הֶעכֶער מִיט זַיין תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה פוּן אֵיין מַדְרֵגָה צוּ דִי צְוֵוייטֶע, יֶעדֶעס מָאל וֶוערְט עֶס בֶּעסֶער אוּן בֶּעסֶער, בִּיז אַ מֶענְטְשׁ קֶען צוּקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵגָה, עֶר קֶען אָנְקוּמֶען צוּ דִי פְּלַאץ וִוי דִי תּוֹרָה אִיז בֶּאֱמֶת "תּוֹרַת ה'" דִי תּוֹרָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בִּיכּוּרִים, פֶּרֶק ג', הֲלָכָה ג'; יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה, פֶּרֶק א', הֲלָכָה ב') "אֲנִי קִיַּמְתִיהָ תְּחִלָּה", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אַז עֶר אַלֵיין הָאט מְקַיֵים גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה נָאךְ פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן וִוי חֲזַ"ל רֶעכֶענֶען אוֹיס (סוֹטָה י"ד. בְּרָכוֹת ו'.) אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין אִיז מְקַיֵים דִי מִצְווֹת פוּן דִי תּוֹרָה; אוּן דִי תְּפִלָּה אִיז אֱמֶת'דִיג "תְּפִלַּת ה'", וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ז'.) אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין דַאוֶוענְט, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָה נ"ו, ז') "וְשִׂמַּחְתִּים בְּבֵית תְּפִלָּתִי". וֶוען אַ אִיד קוּמְט אָן צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה, צוּ וֶוערְן נִכְלָל אִינֶעם אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, דֶעמָאלְט וֶוערְט זַיין תּוֹרָה - דִי תּוֹרָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, אוּן זַיין תְּפִלָּה - דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס תְּפִלָּה אַלֵיין.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט, הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אַז מֶען דַארְף קוּמֶען צוּ אַזַא שְׁטַארְקֶע בִּיטוּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען זָאל קֶענֶען זָאגְן "יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנַי".

וָואס הָאט וַוייטֶער פַּאסִירְט?
לֵיינְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה



עס איז אונז א כבוד אייך איינצולאדענען צום

# מסיבת
# קרן הבנין
# בית התבשיל

בארא פארק
קומענדיגע וואך אי"ה

וויליאמסבורג

מאנסי

לינדען
קומענדיגע וואך אי"ה

ס

............

ערווארט אייער פ

*sruliHeskel



טעטן איילענד
קומענדיגע וואך אי"ה

לעיקוואד

קרית יואל
קומענדיגע וואך אי"ה

קרית ברסלב
נאך חנוכה אי"ה

ערזענליכע הזמנה ...........


אריסטאקראטיש
New
פרישע חידוש!
מיר וועלן לייגן
אייערע נאמען
שיין ביי זייט
פונעם בייטל אז
די בייטל זאל
בלייבן מיט איר
פולן פראכט!
The
KING
DAVID
Collection
CUSTOM
SHOWROOM
FINE JUDAICA
917-474-6118
BORO PARK:
4529-16TH AVE.
BROOKLYN NY 11204
WILLIAMSBURG:
187 RODNEY STREET
BROOKLYN NY 11211
LIBERTY:
10 School St.
By appointment only, Ext.3

פאר די
# ברסלב'ע
שטוב

# לעכטיג אדער שווארץ?

ל. וועבערמאן



באלד בין
איך 130
**ש. טראכטער**

פאר'סמ'טע
טייטלען און
ווייכע אויגן
**ש. ל. פליישמאן**

געטראפן
א פיינעם שידוך
מיט תפילה
**הער א מעשה**

Recipe

Delicious and easy fork chocolate brownie

## א פרוי פון
ארץ ישראל

איך בין ארויסגעפארן אויף א שבת, איך האב געהאט אסאך מעשיות פון תפילה דורכאויס די גאנצע צייט.

1. איך האב געקאכט די שבת'דיגע עסן ביי א פרעמדע פלאץ, וואו איך בין נישט צוגעוואוינט, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אלעס זאל ארויסקומען טעיסטי און יאמי. ב"ה אלעס איז ארויסגעקומען זייער גוט און די טשאלענט איז ארויסגעקומען ספעציעל גוט

2. מיר זענען געפארן אויף זייער א שמאלע ראוד, ביי איין זייט איז א הויכע בארג ארויף, און די אנדערע זייט איז א טיפע טאל אראפ, איך האב זייער מורא געהאט בשעת'ן פארן, כאטש איך ווייס אז אסאך קאר'ס פארן דארט טעגליך. איך האב אסאך געבעטן דעם אייבערשטן צו אנקומען בשלום. ביי איין פלאץ האט מען זיך געדארפט אויסדרייען, דער דרייווער איז געווען פארלוירן, מורא האבנדיג אויב ער וועט דאס קענען מאכן. איך האב ווייטער געבעטן דעם איבערשטן מיר זאלן זיך נישט טרעפן אונטן אין תהום. דער אייבערשטער האט געשיקט איינעם וואס האט מסכים געווען אונז אויסצודרייוון דעם גאנצן וועג, ב"ה די שרעק איז אריבער און מיר זענען אנגעקומען בשלום.

3. אויסער דעם וואס איך האב געבעטן אז אלעס זאל זיך אויסארבעטן האב איך געבעטן דעם אייבערשטן איך אליין זאל זיין פרייליך און הנאה האבן, ב"ה ס'איז געווען זייער געשמאק.

4. ווען איך בין אנגעקומען אינדערהיים האב איך נישט געטראפן די קעמערע. "באשעפער העלף איך זאל טרעפן די קעמערע מיט די אלע הערליכע בילדער", איך פאק אלעס אויס פון די רענצל און איך טרעף עס נאך אלץ נישט. שכח אייבערשטער איך האב עס געטראפן אויף די בעיביס וועגעלע.

שכח שכח אייבערשטער פאר אזא הערליכע שבת!

## ב. ט.
קרית יואל

די גאנצע משפחה העלפט בעטן דעם אייבערשטן פאר איין נעפיו וואס ווארט אויף א שידוך שוין גאנץ א לאנגע צייט.

מען האט געמאכט א קאנפערענץ פאר די גאנצע משפחה צו רעדן און שמועסן וואס מ'קען טון, מען האט געבעטן אז ווענמען עס פאלט איין א גוטע זאך, א מיידל וואס קען מענטשן, זאל אויפהייבן די טעלעפאון און אנטראגן די שידוך.

צום סוף פון די שמועס איז געבליבן אז דער עולם זאל זיך נעמען מיט א פרישקייט צו בעטן דעם אייבערשטן אז עס זאל שוין ווערן עפעס א גוטע שידוך.

קוים אפאר טעג איז אריבער און דער נעפיו איז ב"ה געווארן א חתן צו זייער א חשוב'ע מיידל פון זייער א חשוב'ע משפחה.

## מ. נ
קרית יואל

איך האב געזען אז אין די הויז פעלט זיך אויס פרישע געבעקס, איך האב געבעטן איין טאג און נאך איין טאג "באשעפער העלף איך זאל קענען באקן".

למעשה האט זיך פשוט נישט אויסגעשטעלט די

טאג און די באקן האט זיך נישט ארייגעפאסט די סדר היום.

אבער ווען די מינוט איז געקומען איז עס געקומען מיט אלע הידורים, מ'האט געבאקן און דער עולם האט זיך דערקוויקט דאס הארץ, עס איז געווען ממש א מחיה ווי טרעפט מען נאך אזא גוטע שטיקל מזונות ווי מזונות מיט תפילה.

## נ. ב.

### קרית יואל

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען מחי' זיין מיין מאמע, אזוי ווי מיין מאמע איז א עלטערע פרוי און אן אלמנה ל"ע איז מיר נאך אסאך וויכטיגער איר צו מאכן פריילך.

האב איך גענומען די עצה פון דער ראש ישיבה שליט"א וואס איך האב שוין אפאר מאל געהערט ווי דער ראש ישיבה פארציילט וויאזוי ער פלעגט מחזק זיין זיין באבע וואס איז שוין געווען שוואך, ער פלעגט איר זאגן אז זי דארף נישט מורא האבן פון שטארבן ווייל די אלע מצוות פון חסד און צניעות וועלן איר באגלייטן און עסווארט איר אפ שיינע זאכן אויבן אין הימל.

אזויווי איך ווייס אז מיין טייערע, חשוב'ע, צניעות'דיגע, ערליכע מאמע, האט הנאה פון אזעלכע דיבורים, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל איר דאס טאקע קענען זאגן. אויך האב איך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס קענען שיין אויסשמועסן און מיט פשוט'ע ווערטער איר קענען מחי' און מחזק זיין. שכח אייבערשטער איך האב איר עס געקענט זאגן און ס'איז ארויסגעקומען אזוי הערליך שיין, איך האב געקענט מקיים זיין כיבוד אם פשוט מיט די מויל.

נישט יעדע מאמע קען מען מחי' זיין דווקא מיט אזא שמועס, אבער יעדע טאכטער ווייסט וועלכע נושא איז אינטערעסאנט פאר איר מאמע און מיט דעם מקיים זיין כיבוד אם, אבער דאס איז זיכער אז די פשוט'ע עצה פון נוצן די מויל קען אזויפיל אויפטון ביי די מצוה פון כיבוד אב ואם.

## פ. ראטה

### קרית ברסלב

מוצאי שבת בין איך אהיימגעקומען שפעט ביינאכט, און די קינדער זענען געגאנגען שלאפן גאנץ שפעט.

זונטאג צופרי האב איך געשיקט מיין יונגל אין חדר, און מיינע צוויי קלענערע האב איך צוריקגעלייגט פאר א נאכמיטאג שלאף. אז יעדער איז ב"ה איינגעשלאפן קען די מאמע אויך אויסנוצן די צייט און זיך געבן א רוה אפ אביסל.

למעשה גיב איך זיך א כאפ אויף, עס האט נאך גענומען אפאר סעקונדעס צו כאפן וואו אין די טאג מ'האלט דא. שכח אייבערשטער דער עולם האט זיך פיין אויסגערוט. מיין יונגל קומט שוין אהיים פון חדר, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל זיין א גוטע נאכט, ווער עס קען זיך אויס מיט קינדער ווייסט אז נאך אזא טאג קומט א פריילעכע וואך נאכט, אבער תפילה קען אלעמאל ווערן אנגענומען, איך בעט ווייטער דעם אייבערשטן.

ווען ס'איז געקומען די צייט פון שלאפן לייגן, האב איך געלייגט שלאפן געהעריג ווי יעדן טאג און וואונדער איבער וואונדער זיי זענען אריין אין בעט און שיין דורכגעשלאפן די נאכט.

## מ. ב. ש

### קרית יואל

שפעט ביינאכט בין איך געווען אין א קאר מיט נאך אפאר פרויען, עס האט געהייסן אז די קאר מאכט איין סטאפ, דאס מיינט אז איך וועל דארפן אהיימגיין צופיס

איך האב נישט געוואלט באמוטשענען דעם דרייווער, אבער שטילערהייט קען איך בעטן דעם אייבערשטן: "באשעפער העלף איך זאל האבן א וועג ביז מיין הויז".

אינמיטן רופט זיך אן די פרוי נעבן מיר "אפשר זאל מען מאכן א עקסטערע סטאפ ביי דיין הויז?" שכח אייבערשטער איך קען זיך אזוי געשמאק שמועסן און בעטן אלעס פונעם אייבערשטן.

ש. טראכטער




# באלד בין איך שוין 130

דו שפירסט קיינמאל נישט אומבאקוועם צווישן מענטשן? פארשעמט צוליב ברסלב?" פרעגט מיר א חבר'טע מאנשי שלומינו.

"ווען דו גייסט צווישן מענטשן אדער צו שמחות שפירסטו נישט צומאל צווייטקלאסיג? ספעציעל ווען דו ביסט צווישן "בעסערע" מענטשן, צו שפירסטו קיינמאל נישט אזוי "פארשעמט"...?"

...

איר שאלה דערמאנט מיר א מעשה'לע.

איך בין געווען באזוכן ביי מיין באבע. איינער פון מיינע קאזינס זענען אויך דארט געווען, אויסגעפוצט גרייט צו גיין אויף א חתונה. מיין באבע האט איר באטראכט און באמערקט אז זי איז מער באפוצט ווי געווענליך.

"וואס ביסטו היינט אזוי אויסגעצירט?" פרעגט מיין באבע איר זעכצן יעריג אייניקל

"איך גיי צו א חתונה. זיי זענען 'בעסערע' מענטשן." פארענטפערט זיך מיין יונגע קאזין.

"בעסער? בעסער פון וועמען?" וואונדערט זיך מיין באבע, "נישט בעסער פון מיר...!"

...

די מעשה'לע איז מיר אריין אין קאפ.

וואס מיינט בעסער? וואס מיינט העכער? רבי נתן האט שוין געזאגט "נישט דא וועמען צו מקנא זיין, אויב מקנא זיין איז עס נאר דעם ערליכער איד, און אויב דו ביסט דער ערליכער איד, בין איך דיר מקנא!" אט דאס הייסט א "בעסערע" מענטש.

איינער וואס איז בעסער מיט זיין שלום בית, זיין התבודדות, זיין קשר מיט'ן אייבערשטן, זיין אמונת חכמים און מיט זיין תמימות. דאס איז א "בעסערע" מענטש. מיט יענעם לוינט צו זיין גוט, אפשר וועט זיך אנקלעבן אין מיר.

...

דאס איז אלעס אמת'ע דיבורים, וואס מיר ווייסן, אבער צומאל איז עס נאכנישט

אריינגעדרינגען אין הארץ. לאמיר אבער לייגן די אמת'ע אמת אויף א זייט א מינוט, און לאמיר רעדן פון אונז, מיט אונזערע נאטורן, געפילן, און קאמפלעקסעס (אדער חכמות, ווי דער ראש ישיבה שליט"א רופט דאס אן). לאמיר דאס באטראכטן מיט אונזער בליק נאך איידער מיר זענען זוכה זיך אויסצולייטערן מיט'ן רבי'ן'ס עצות. איין טאג וועט דער רבי מאכן מיט מיר שיינע זאכן און מיט התבודדות וועל איך צוקומען צו אזא קלארע אמת און נישט פארשטיין וואס יענער פרעגט. "יענער?" וואו קומט עס בכלל אריין אינעם בילד?

אבער יעצט בין איך נאך דא. ביי דעם שטאפל, און פון דא וועל איך דינען מיין באשעפער און פון דא וועל איך שרייען, "טאטע." פון דא וועל איך געדענקען אז "פון טיפן גרוב האסטו מיר ליב, דערפאר שריי איך צו דיר..."

דעריבער האט די שאלה פון מיין חבר'טע יא געמיינט עפעס פאר מיר. "שפירסט נישט אומבאקוועם ווען דו גייסט צווישן געוויסע מענטשן, ביי וועמען היכל הקודש איז זייער אראפגעקוקט און פארשעמט?"

איר ווילט וויסן דעם אמת? יא. (איין טאג מיט תפילה והתבודדות וועל איך קענען ענטפערן בלבב שלם "ניין!")

איך שפיר יא צומאל פארשעמט. עס איז מיר נישט אלעמאל אנגענעם צו גיין צו שמחות און צווישן א געוויסע סארט עולם, וואס קוקט אראפ אויף היכל הקודש. אזוי איז עס. איך האב נישט ליב צו שפירן "אנדערש" אדער "מאדנע" אדער "אין די נייעס".

די פארגאנגענע וואך בין איך געגאנגען צו א שמחה. די בעלת שמחה זאגט מיר, "כ'האב דיר שוין לאנג געוואלט דערציילן א קליינע מעשה'לע. איינע פון די תלמידים פון רבי מאיר שפירא זצ"ל האט געהאט א פרשה ווען ער האט זיך ארויסגעשטעלט קעגן די ישיבה וועלט מיט א געוויסער מהלך און מען האט אים זייער בארעדט. ער איז געווען אין די נייעס און איז געווען דערפון זייער פארשעמט. זיין מאמע האט אים גערופן און אים געזאגט: "אויב דו מיינסט עס אמת'דיג, דאן גיי ווייטער, אפילו דו ביסט אין די נייעס און אפילו יעדער רעדט אויף דיר." דאס זעלבע וויל איך דיר אויך זאגן, אויב דו מיינסט עס אמת'דיג גיי ווייטער..."

נו נו, עס האט מיר דערמאנט וואס אנשי שלומינו זינגען זיך אונטער צומאל... "ווילסט מיר מחזק זיין... גיי גיי גיי..."

איך בין נישט ארויס זייער מחוזק פון די חיזוק. איך בין ארויס מיט א קאמפלעקס אז "ביסט אין די נייעס. יעדער האלט וואס זיי האלטן אויף דיר..."

איר ווילט וויסן אויב איך האב זיך געשפירט גוט? ניין. באמת.

אבער איך האב געמאכט א שנעלע חשבון, וואס איך מאך כסדר.

"יעדער מענטש האט זיין "קאמפארט זאון" (באקוועמע פלאץ) און זיין דיסקאמפארט זאון (אומבאקוועמע פלאץ) אין לעבן.

געלויבט דעם אייבערשטן אז מיין "באקוועמע ארט" איז אין מיין שטוב, אין מיינע אייגענע ד' אמות, מיט מיין מאן און קינדער. און שכח אייבערשטער אז מיין אומבאקוועמע פלאץ איז נאר דא, צייטווייליג.

אסאך מענטשן ארום מיר האבן דוקא הנאה צו זיין אין די געזעלשאפט פון אנדערע, ספעציעל אויף א שמחה. ווי מיין קרובה האט מיר געזאגט, "יעצט בין איך דא. עס איז "פערי-טעיל" (פיקטיווע מעשיות). איך לאז איבער מיין עכטע לעבן אינדערהיים. יעצט איז אלעס גוט."

איר לעבן אינדערהיים איז איר נישט אזוי אנגענעם. איר לעבן מיט איר מאן איז נישט איר באקוועמע זאנע. אירע קינדער... שוין לאמיר נישט רעדן. זי קומט צו א חתונה און דא שפירט זי זיך "באקוועם", דא שפירט זי "אינדערהיים."

זי האט אפאר שעה אין איר וואך, חודש, יאר וואס זי שפירט אז זי האט עס.

שכח אייבערשטער אז איך האב געטראפן א פלאץ, א ראש ישיבה וואס געבט אונז איבער די לעבנס וויכטיגע מעדעצינען פון רבי'ן וואס דאס ערמעגליכט אונז צו האבן 365 טעג א יאר "חיים טובים" א גוט לעבן.

שכח אייבערשטער אז מיין באקוועמע זאנע איז מיין שטוב, מיין בעסטע פארברענג איז מיט מיין מאן\קינדער.

מיין באקוועמע זאנע איז די רוב פון מיין לעבן. יא, עס מאכט זיך געוויסע צייטן וואס איך טרעט אריין אין אומבאקוועמע זאנע. עס איז נישט אנגענעם צו זיצן צווישן מענטשן וואס קוקן אויף דיר מיט ביטול און שפאט. אבער ב"ה איך ווייס אז אט גיי איך אהיים צו מיין גן עדן, און דארט איז מיר ווארעם און באקוועם.

געלויבט דעם אייבערשטן אז עס איז מיר גוט. איך דארף נישט אנקומען צו קיין מצבים אין לעבן ווי א חתונה, א שבת התוועדות, א חנוכה פארטי, אז דאס זאל מיר געבן א טעם און א חיות אין לעבן. מיין עצם לעבן איז א לעבן, א חיות.

מיין אומבאקוועמע זאנע איז די מיעוט, די ווייניגער, און מיין באקוועמע זאנע איז די רוב. יא, עס מאכט זיך אפאר מאל א יאר וואס איך שפיר אומבאקוועם. נישט געפערליך. עס איז א ביליגע פרייז. אנו עמלים, והם עמלים, יעדער מוטשעט זיך בזה העולם, יעדער האט אומבאקוועמע מצבים אין לעבן. געלויבט דעם אייבערשטן אז מיין אומבאקוועמליכקייט איז צוליב א גוטע סיבה, א הייליגע ציל.

אין א טאג, האט מיין מח און הארץ זייער געגרוישט און איך בין אריינגעפאלן אין א שרעקליכע קטנות הדעת. איך האב געטראכט, "איך וויל שתי שולחנות, ביידע וועלטן. תפארת לעושיה ותפארת לו מן האדם - אנגענומען ביים באשעפער און ביי מענטשן (דארף מען אבער וויסן - ווער גייט אריין בגדר אנושי- וואס מיינט מענטשן? נישט יעדע אוממענטש גייט אריין אין כלל פון תפארת לו מן האדם...).

אבער אין יענע מינוט איז מיר געווען זייער שווער אויפן הארץ. אסאך זאכן האבן פאסירט אויף איינמאל און עס האט מיר זייער געדרוקט. איך האב געטראכט פון די תקופה ווען איך האב שוין זוכה געווען צו טרינקען פון דעם נחל נובע מקור חכמה, אבער עס איז געווען בשתיקה. אין א געוויסער זין האב איך דאן געשפירט אז איך לעב אויף וואלקנעס. איך האב גארנישט געדארפט אויפגעבן און אינאיינוועגס געקענט נהנה זיין פון אלע בענעפיטן וואס דער רבי געט אונז.

אצינד האב איך געטראכט צו זיך, "יעצט... איז אנדערש. שכח אייבערשטער, אבער עס קאסט א פרייז. עס פארנעמט

נעכט און טעג און די מח שפירט שוואך צומאל פון אסאך בלבולים, שוועריגקייטן בבית ובחוץ. דאס הארץ איז אזוי שווער. עס קומט מיר צו וויינען. עס קאסט א טייערע פרייז. שכח אייבערשטער. איך וואלט עס אויף קיין פאל נישט אוועקגעגעבן און אויפגעגעבן, און דאך...

איך האב געטראכט פון די שלאפלאזע נעכט, פון די טעג און שעות וויינען צום אייבערשטן 'הורינו ה' דרכיך', די ווייטאג פון די ווייטאג וואס מען שפירט אז מען פארשאפט פאר די עלטערן, די אומאנגענעמע נאך טעם, נאכדעם וואס נאנטע און באקאנטע שאקלען זיך פלוצלינג אפ פון דיר.

## איך שפיר יא צומאל פארשעמט. עס איז מיר נישט אלעמאל אנגענעם צו גיין צו שמחות און צווישן א געוויסע סארט עולם, וואס קוקט אראפ היכל הקודש

און דאן האט מיין טעלעפאן געקלינגען. מיין חבר'טע רופט מיר אן. זי האט געהערט עפעס ברסלב'ע נייעס, איבער איינער פון מיינע קינדער וואס זענען אריין אין ברסלב'ע מוסדות, זי מוז הערן אויב עס איז אמת. זי מוז וויסן מיין "לעוול" ווי ווייט ערנסט מיר זענען אין די זאך, אין די קולט..

אזוי אינצווישן פרעג איך איר "וואס איז געבליבן מיט א ישיבה פאר דיין זון? איך געדענק האסט מיר געזאגט פאר יום טוב אז דו מוטשעסט זיך מיט אים."

דערציילט זי מיר אויפריכטיג, איר זון איז געווארן אנגענומען נאר נאכדעם וואס איר טאטע האט אראפגעלייגט 100 טויזנט דאלער (איך טרייב נישט איבער. דאס איז וואס זי האט מיר דערציילט פארגאנגענע זונטאג נאכט...)

און למעשה האט איר זון נישט נושא חן געווען ביים מגיד שיעור און יעצט איז איר זון שוין אינדרהיים. בס"ד קומענדיגע וואך הייבט ער אן אין א נייע ישיבה. דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל מצליח זיין.

איך האב איר אויסגעהערט מיט מיטלייד און איך פרעג איר, "דאס איז זיכער געווען א שווערע תקופה פאר דיר."

זי האט זיך צוקרעכצט און זאגט מיר, "שווער? שווער איז נישט די ווארט. אזויפיל טרערן, אזויפיל ווייטאג, אזויפיל שלאפלאזע נעכט. און אינצווישן זע איך מיט די אויגן ווי מיין זון גייט א גאנג..."

איך האב נאך אביסל גערעדט מיט איר און איר געוואונטשן אז מען זאל הערן גוטע בשורות און אראפגעלייגט די טעלעפאן.

דאן האב איך געטראכט וואס דער הייליגער רבי לערנט אונז אז אין יעדע זאך איז דער אייבערשטער. יעדע טעלעפאן קאל, יעדע זאך וואס דו הערסט איז א רוף פונעם אייבערשטן.

איך האב נישט געהאט א ספק. איך האב געהערט די געטליכע רוף. איך האב געהערט ווי דער באשעפער זאגט מיר, "טאכטער מיין... בזה העולם גייט יעדער אריבער. וואויל איז דער וואס גייט אריבער וואס ער גייט אריבער, מיט אמונה, מיט שמחה. וואויל איז דעם וואס זיין מוטשעניש איז פאר גוטע צוועקן."

אזוויי דער ראש ישיבה שליט"א זאגט אונז, ראש השנה ווערט אנגעשריבן וויפיל עגמת נפש א מענטש דארף האבן, וואויל איז די מענטש וואס זיין פלאג גייט אויף גוטע זאכן.

און ווי די גמרא זאגט אז ראש השנה ווערט אנגעשריבן אויב מען דארף פארלירן געלט און אויב א מענטש איז זוכה גייט זיין געלט פאר צדקה.

אויב א מענטש איז זוכה גייט זיין פלאג, זיינע יסורים, זיינע בזיונות און זיינע נסיונות אויף הייליגע צוועקן. אז מען איז זוכה "ווערט מען אלט און ווייס" פאר תכלית, און נישט צוליב שטותים. מען פלאגט זיך פאר'ן אייבערשטן, פאר'ן לעבן מיט צדיקים, פאר'ן זוכן דעם אמת, פאר'ן טון וואס איז ריכטיג, נישט וואס איז פאפולער. שכח אייבערשטער אז די טעג

און יארן גייען אריבער מיט בענקעניש צו ווערן אן ערליכער איד.

איין טאג אינמיטן פיטערן די קינדער האט זיך די טעלעפאן צוקלינגען זייענדיג פארנומען מיט די צאן קדשים האט די ענסערינג מאשין אויפגעהויבן אנשטאט מיר. איך האב נישט צוגעלייגט קאפ צו דער וואס רעדט אריין, אבער פלוצלינג הער איך א "בת קול..." א טייערע חבר'טע מאנשי שלומינו לאזט מיר אריין א לענגערע מעסעדזש. אינצווישן הער איך צווישן די קולות פון די קינדער, איר קול... "באלד בין איך שוין 130 און דעמאלט וועט נאר צוניץ קומען אלע גוטע זאכן וואס מיר האבן אריינגעכאפט. דעמאלט וועט מען וועט ליגן מיט'ן פיס צום טיר, וועט שוין נישט מאכן א חילוק וואס דער און יענער האט געזאגט און געטון. שוועסטער חזק!"

זי האט מיר געגעבן א וועק אויף, צו טון וואס איך טו, מיט שמחה, מיט חשק, קוקן וואס איך האב אין די האנט.

איך האב געהערט א קלוגע ווארט פון א ברסלב'ע איד. איינער האט זיך אפגערעדט צו אים צוליב זיין חלישות הדעת וועגן געוויסע מענטשן פון וועמען ער שפירט זייער פארשעמט. פרעגט ער אים, "אויב לאמיר זאגן, דער מענטש וואס דו "טראכסט אז ער טראכט און לאכט" לעבט שוין נישט, וואלט דיר אנגעאנגען וואס ער האט געזאגט נעכטן? ניין. איז וואס גייט דיר אן אז ער לעבט נאך יא? אז זיין ווייב האט א מאן?"

ביי דיר קען ער שוין זיין 130!

אז איך קוק אויף די עתיד, אויף דעם לעצטן טאג, וועל איך מיט אסאך תפילה און התבודדות (ווייל עס העלפט נישט וויסן אלע שיינע ידיעות, נאר מיט אסאך תפילה איז מען זוכה דאס אריינצונעמען אין זיך) וועלן מיר זוכה זיין צו ותשחק ליום אחרון, זיך צו פרייען אינעם לעצטן טאג.

און ביז דאן, לאמיר זיך דערהאלטן שוועסטער. עס איז שווער און צומאל זייער שווער און צומאל בכלל נישט שווער, אבער לאמיר האלטן די אמת און די ציל פאר די אויגן. מיר ווילן ערליכע דורות, הייליגע דורות, מיר ווילן א לעבן מיטן אייבערשטן, מיט צדיקים און ערפילן אונזער תפקיד מיט שלימות.

# Delicious & easy fork chocolate brownie

BY: T. PINTER

## INGREDIENTS:

- 1 CUP OIL
- 1/2 CUP COCOA
- 2 1/4 CUPS SUGAR
- 6 EGGS
- 2 1/4 CUPS FLOUR
- 2 1/2 TSP BAKING POWDER
- 1 TBSP COFFEE DISSOLVED IN 2 TBSP HOT WATER
- 3/4 CUP WATER

## DIRECTIONS:

- IN A LARGE BOWL, COMBINE COCOA, OIL, AND SUGAR.
- ADD EGGS, STIR TO COMBINE.
- ADD REMAINING INGREDIENTS.
- MIX WELL UNTIL COMBINED. DO NOT OVERMIX.
- POUR BETTER INTO 10/16 BAKE FOR 50 MINUTES ON 350.



ש. ל. פליישמאן

# אויפן וועג אהיים

צוזאמען ביים שיעור פארברענג. ווערן בעסער איך בענק. כאטש עפעס איך געדענק.

## פאר'סמ'טע טייטלען און ווייכע אויגן

עס ווענדט זיך אלעס אין דיין בליק,

האט דער ראש ישיבה זיך אויסגעדריקט.

די זעלבע זאך פונקטליך אויפן האר,

ביי איינעם שווארץ, ביי איינעם קלאר...

דער אמורא עולא גייט אין בבל אויפן מארק,

קוקט זיך ארום ביי די עסנווארג.

"אזוי ביליג?" מאכט ער זיינע פלענער,

און קויפט זיך איין א טייטלען Container.

איין דאלער! ס'איז דאך ממש א Sale!

זיי האבן אזא גרינגע לעבן פינאנציעל...

אז אלעס איז ביליג האט ער געטראכט,

פארוואס לערנען זיי נישט תורה טאג און נאכט?

רב עולא האט געגעסן פון די טייטלען צו די זעט,

אבער ביינאכט נישט געקענט שלאפן אין בעט...

א גאנצע נאכט האט זיך אים געדרייט זיין מאגן,

ער האט די טייטלען נישט געקענט פארטראגן...

אויפצומארגנס אנדערע ווערטער האט מען פון אים געהערט,

נאך אזא נאכט האט זיך זיין מיינונג איבערגעקערט...

"קוק נאר, אזא שיינע וואונדער",

ווי לעכטיג, ווי וואויל זענען אידישע קינדער!

אפילו זייערע מאכלים טוען זיי פאר'סמ'ען...

לערנען זיי תורה - אה... ס'האט אלע טעמ'ען...

די זעלבע מצב, נישט קיין שום חילוק,

אלעס ווענדט זיך אין די אייגענע בליק...

"קוק מיט א בליק א פאזיטיווע",

האט געזאגט דער ראש ישיבה.

דער מאן אויף די ווייב, און די ווייב אויף די מאן,

מיט רחמנות קען מען דן לכף זכות זיין.

אז איך קוק מיט א בליק פון: "אוי נעבעך"...

קוק איך גוט, און גרינג פארגעב איך.

א נעגעטיווע בליק מאכט די לעבן געשטיקט,

אין דיינע הענט, מיט תפילה, די כוחות ליגט!

בעט: איך וויל נישט שלעכטע אויגן ווי מזיקים...

באשעפער געב מיך גוטע אויגן פון צדיקים,

איך זאל קוקן גוט אויף מיר און מיין משפחה,

און משפיע זיין לעכטיגקייט, שמחה, און ברכה!

**צו הערן די גאנצע שיעור פונעם ראש ישיבה רופט 212-444-9191 - 212-444-9169**

ל. וועבערמאן

# ליכטיג אדער שווארץ?



יענע טאג איז געווען די שווארצע טאג. אזוי האט משה ראובן געשפירט, אין א תקופה וואס משה ראובן איז געזיצן רואיג אין זיין ישיבה אין דער אלטער היים, אין איינע פון די שטעטלעך אין אונגארן. די ישיבה איז באשטאנען פון 50 טייערע בחורים וואס האבן געטרונקען מיט דורשט די תורה פון זייער ראש ישיבה, די סביבה איז געווען געשמאק, פול מיט ליבשאפט.

איין טאג באקומט דער ראש ישיבה אן אפיציעלע בריוו פון לאנד, אז אלע 50 בחורים פון די ישיבה ווערן גערופן צום מיליטער. די בריוו איז געפאלן ווי א באמבע אינמיטן די ישיבה ווענט, וואס רייסט אויף די גאנצע רואיגקייט און קול תורה פונעם ישיבה.

פארשטייט זיך אלע האבן ארויסגענומען תהילים'ס און זיך געוואנדן צום אייבערשטן זאל זיי העלפן זיך ארויסזען פון דעם מצב. דער ראש ישיבה מיט נאך עסקנים האבן אנגעהויבן צו ארבעטן אויף קעסל און כלים צו זען וויאזוי מ'קען זיך ארויסדרייען פון דעם פראבלעם.

נאך די אלע תפילות און השתדלות האט דער אייבערשטער געהאלפן מ'האט געטראפן א דאקטער וואס איז גרייט צו אויסטרעפן א קרענק פאר יעדן בחור, ער וועט דאס אונטערשרייבן און שיקן צו די באאמטע, האפנטליך וועלן זיי אנעמען די אלע גוט תירוצים. אבער דער דאקטער שטעלט איין זיין לעבן, און ער בעט פאר דעם א ריזיגע סומע פון געלט. וואס טוט מען?

ווייטער גיסט מען תפילות, דער אייבערשטער האט ווייטער געהאלפן. עס זענען געווען צוויי בחורים וואס זענען געקומען פון פארמעגליכע עלטערן, און זיי האבן זיך אונטערגענומען צו באצאלן די גאנצע פראיעקט וויפל עס פעלט זיך אויס, אבי די בחורים זאלן קענען ווייטער

זיך אריינוואַרפן אין לערנען. איינע פון די בחורים איז געווען משה ראובן. משה ראובן רייבט זיך שוין איין האנט אין אנדערן פון גרויס שמחה, אז זייער שטיק וועט געלונגען און נאך דערצו זיין טאטע צאלט אויס די זאך.

צו די גרויס שמחה פונעם ראש ישיבה און אלע בחורים איז טאקע אנגעקומען די אויסגעווארטענע בריוו וואו עס שטייט אז די בחורים זענען טאקע נישט פעאיג און זענען פטור פון קומען אין מיליטער. די בריוו רעדט זיך אבער נאר פון 48 בחורים. די איבריגע צוויי בחורים האבן נישט גענוג א גוטע תירוץ זיי מוזן יא קומען אין מיליטער. די צוויי בחורים זענען נישט מער און נישט ווייניגער משה ראובן מיט זיין חבר בנציון וואס פונקט זייערע טאטע'ס האבן אויסגעצאלט די גאנצע שפיל מיטן דאקטער.

דאס איז געווען די טאג וואס האט אויסגעזען פאר משה ראובן ווי די שווארצע טאג אין זיין לעבן, ווייל עס האט זיך אנגעהויבן פאר אים א תקופה פון אנטלויפן, שווערצן, און וואנדערן. נאכן וואנדערן א לענגערע צייט זענען די צוויי ענדליך אנגעקומען קיין ארץ ישראל וואו זיי האבן זיך געקענט אביסל מסדר זיין און אראפלייגן די וואנדער

> **דאס איז געווען די טאג וואס האט אויסגעזען פאר משה ראובן ווי די שווארצע טאג אין זיין לעבן, ווייל עס האט זיך אנגעהויבן פאר אים א תקופה פון אנטלויפן, שווערצן, און וואנדערן.**

שטעקן.

עס איז געווען א קורצע צייט שפעטער ווען די שמועות האבן זיך צושפרייט אז די דייטשע רשעים האבן דערגרייכט אונגארן. די גוים - אונזערע פיינט הרג'ענען אויס די אידן רעכט'ס און לינקס נישט קיין חילוק וואספארא שיינע פנים די גוים האבן נאר אמאל ארויסגעוויזן, האבן זיי יעצט ארויסגעוויזן זייער אמת'ן אמת, אז א גוי האט פיינט א איד, און אויב האבן זיי אונז פיינט האבן מיר פיינט זיי אלע, מיט זייערע אלע מעשים.

ווען משה ראובן האט זיך נאכגעפרעגט וואס עס טוט זיך מיט זיין אמאליגע באליבטע ישיבה, האט ער ליידער אויסגעפונען אז ס'איז גארנישט געבליבן פון אלע 48 בחורים. דווקא די צוויי בחורים וואס האבן געמיינט אז צו דארפן אנטלויפן איז א שווארצע טאג, דווקא די צוויי האבן זוכה געווען ווייטער צו אנהאלטן די לימודים פון זייער טייערער ראש ישיבה.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז די צוויי טאטע'ס האבן געטון א גוטע אינוועסטמענט מיט זייער פארמעגן, זיי האבן געראטעוועט זייערע זון, בשעת אלע אנדערע אינוועסטמענט'ס זענען



ארויף אין פלאמען.

די טאג וואס זעט אויס די מערסטע שווארץ קען אמאל זיין די מערסטע ליכטיג. ס'איז פשוט אז מיר זענען געשטאנען ביי די זייט וואס די ליכטיגקייט איז געווען פארשטעלט. אמאל מאכט דער אייבערשטער אז די ליכטיגע זייט ווערט אנטפלעקט פאר אונז נאך בשעת מ'לעבט, אזויווי אין די מעשה פון משה ראובן. אמאל גייט מען דורך די לעבן פשוט מיטן גלייבן אז וואס פאסירט איז נישט קיין צופאל, עס האט א ליכטיגע זייט, ווען משיח וועט קומען וועט אלעס זיין נאר ליכטיג, מיר וועלן קלאר זען די השגחה פונעם אייבערשטן, אז אלעס איז פאר אונזער טובה. אבער דעמאלט וועט מער נישט זיין די געלעגנהייט פון 'גלייבן אן פארשטיין' און באקומען פאר דעם א גרויסע שכר.

לאמיר זיך צוזאמען מחזק זיין, די קורצע צייט וואס מיר זענען דא צו זאגן "גם זו לטובה" דווקא די זאך, די פאסירונג איז פאר מיר א טובה, ס'איז פאר מיין גוט'ס, פאר מיר זאל זיין בעסער.

די מעשה פון משה ראובן איז אן אמת'ע מעשה מיט פיקטיווע נעמען (געהערט פון הרב דניאל בוים שליט"א), פשוט ווייל איך ווייס נישט מיט וועם די מעשה האט פאסירט. אבער אסאך אזעלכע מעשיות וואס פאסירן טעגליך ארום מיר, איך ווייס יא די נעמען, און איך ווער נתפעל וויאזוי פשוט'ע ערליכע פרויען אין היינטיגן דור דערהאלטן זיך.

איינע האט געפלאנט אז די ווינטער הייבט זי אן מיט א פונקטליכע סדר, מ'גייט יעדן טאג מאכן עקסערסייז, מאכן זיכער זי עסט געזונטע מאלצייטן, און גיין שלאפן צייטליך. די קינדער גייען אויך ווערן געהעריג מחונך און קעיר גענומען. מיט אלע אויפמערקזאמקייט וואס זיי דארפן. בקיצור, ס'גייט געהעריג קלאפן.

איין טאג מ'גייט שוין סערווירן די גרייטע נאכטמאל פונקט לויט די סקעדזשול און אאאפס! איין נישט גוטע טריט, די מאמע האט זיך געגעבן א גליטש און זיך נישט געקענט אויפשטעלן, די ביין האט זיך צובראכן. ווערט טרעכט פון סקעדזשול אבער זי גלייבט אז דער אייבערשטער האט פאר איר א פלאן!

א צווייטע פרוי האט געוואוסט אז איר מאן דארף האבן א וויכטיגע אפעראציע. מען האט באשטימט א צייט צוויי וואכן נאך סוכות. די ווייב האט געבעטן און געהאפט אז די אפעראציע וועט אים מאכן פילן בעסער און האבן צוריק א שטארקער געזונטער מאן. מ'האט צוטיילט די קלענערע קינדער, די גרעסערע האט מען געגעבן פונקטליכע אנווייזונגען, אנגעגרייט די נאכטמאלן אין פריזער. מיט אסאך תפילה באגלייט זי איר מאן צו די באשטימטע אפוינטמענט מיט א גוטער דאקטער צו א ווייטע שפיטאל.

ב"ה די צייט פון די אפעראציע איז דורך און מ'גייט זיך אביסל אפרוען, אז איר מאן זאל קענען צוריקקומען צו זיך, צו קענען צוריק אנהייבן זיינע פילע טעטיגקייטן, און ווי שטארק ווארט שוין די ווייב צו זען איר געטרייער מאן שטארק און געזונט.

אבער זי זעט ווי איר מאן ווערט בכלל נישט שטערקער נאר ער האט צער און יסורים, עס האט זיך אויסגעשטעלט אז די פלאץ פון די אפעראציע איז געווארן אינפעקטעד און דער אייבערשטער האט געוואלט מ'זאל דארפן איבערמאכן די אפעראציע.

עס איז אסאך דורך ביז זי האט ענדליך געזען ווי איר מאן הייבט אן צו קומען צו די כוחות. דערווייל זארגט זיך די מאמע אז זי דארף אזוי פיל אויסנוצן מענטשן. די קלענערע קינדער בענקען שוין אהיימצוקומען און די מאמע שפירט אז די שטוב איז שוין אינגאנצן צופארן, ווען וועט זי שוין קענען צוריקשטעלן די סדר?

אבער די ווייב וועסטו טרעפן מיט א שמייכל ווייל זי גלייבט אז ס'איז פאר איר גוט.

ב"ה צום סוף איז איר מאן געווארן געזונט און שטארק, דער אייבערשטער זאל העלפן ווייטער אז ער און אויך אלע אידישע קינדער זאלן האבן א רפואה שלימה.

דערווייל זעען מיר נישט פארוואס די אלע מעשיות האבן געדארפט פאסירן, אבער ב"ה מיר חזר'ן אמונה א גאנץ יאר. ווער עס האט שכל כאפט אריין נאך א שיעור פונעם ראש ישיבה שליט"א און נאך איין שיעור, אז ווען עס קומט אונטער א טאג וואס זעט מיר אויס ווי די שווארצע טאג, זענען מיר אנגעגרייט פאר דעם, און איך ווייס אז ס'איז באמת ליכטיג.

> כאפט אריין נאך א שיעור פונעם ראש ישיבה שליט"א, אז ווען עס קומט אונטער א טאג וואס זעט מיר אויס ווי די שווארצע טאג, זענען מיר אנגעגרייט פאר דעם, און איך ווייס אז ס'איז באמת ליכטיג.

## טייערע בלעטל קינדער

אה... די יום טוב חנוכה קומט שוין צו גיין
לאמיר זען וואס דו קענסט מאכן פאר די מעכטיגע

# חנוכה פארמעסט



שטעל אהער סיי וועלכע זאך עס האט צוטון מיט חנוכה, עס קען ווערן געמאכט מיט שפילצייג, עסן, געמאלן אויף פאפיר, און ווער ס'קען - קום אויף מיט אן איינגענעם מאטריאל מיט וואס צו מאכן דיין פראיעקט

**שיק אריין א בילד פון דיין ערליכע האנטווערק צום**

**בלעטל, און דיין בילד וועט מיטן אייבערשטנ'ס הילף אריינגעשטעלט ווערן דא ביים חנוכה פארמעסט.**

דערנאך וועלן אלע חשוב'ע קינדער אויסוועלן וועלכע בילד

עס געפעלט זיי דאס מערסטע, און די בילד וואס וועט האבן די מערסטע שטימען וועט זיין די געווינער פונעם פארמעסט

די בילדער קען מען שיקן צו 845.379.1161 אדער צו
breslevofficeliberty@gmail.com

**מאך א תפלה ס'זאל געלונגען, און לאמיר זען וואס דו קענסט**

קינדער בלעטל

# וואס האסטו געהאט אין דיין דאונאט?

- געב א שמייכל





דעם
# רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**




**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי זאגט: ”דער אייבערשטער האט ליב א געפרעגלטע איד!“

## ברסלב'ע חידות

**דער רבי זאגט: ווען מען האט _____ דאן ווייסט מען וואס מען דארף צו טון, מען ווייסט ווי אזוי זיך צו פירן.**

א. אמונת צדיקים
ב. אמונת חכמים
ג. סעלף קאנפידענץ
ד. תפלה והתבודדות

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

רבי נתן האט געזאגט: “ווען איך זע צוויי אידן קריגן זיך שפיר איך ווי עס שטעכט מיר אין די זייט!”

## געב א שמייכל

**ראובן: ”נעכטן האב איך געהאט א דאונאט פול מיט קאסטערד“.**
**שמעון: ”איך האב נעכטן געהאט א דאונאט פול מיט דזשעם“.**
**לוי: ”איך האב געהאט א דאונאט נעכטן פול מיט חרטה“...**

געברענגט צו אייך דורך הר”ר אלחנן חיים רוטה שליט”א - גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט

## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה** – חלק שני

**ב. עַל יְדֵי חֲנֻפָּה, בָּא לִידֵי כְּפִירָה.**

ב. עַל יְדֵי חֲנֻפָּה, בָּא לִידֵי כְּפִירָה.



# שרייב טישל

# והין עיניק רואות את מוריק

הייב אן ארייַנצופילן יעדע ליין פון אויבן ביז אונטן
צו זען א בילד פון **ר' אהרן מ'בעלזא זצ"ל**





בילד פון פארגאנגענע וואך: **ר' חיים זאנוויל בן ר' משה, הרה"ק מ'ריבניץ זצ"ל**

# מענטשערליך

# די טִירְן פוּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ

חלק ב'

פלוּצְלוּנְג זֶעט נִקָּנוֹר וְוי דִי מַאטְרָאזְן וַוארְפְן אַרַיין אֵיין פוּן דִי הֶערְלִיכֶע טִירְן אִין וַואסֶער אוּן עֶס וֶוערְט פַארְשְׁווינְדְן צְווִישְׁן דִי הוֹיכֶע כְוַואלְיֶעס, אוּן זֵיי גְרֵייטְן זִיךְ צוּ אַרַיינְוַוארְפְן אוֹיךְ דִי צְוֵוייטֶע טִיר.

נִקָּנוֹר אִיז צוּגֶעשְׁפְּרִינְגֶען צוּ דִי טִיר, עֶר הָאט עֶס אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט בֵּיידֶע הֶענְט אוּן גֶעוֵויינְט, "אִיךְ לָאז נִישְׁט אָפּ דֶעם טִיר! אוֹיבּ עֶנְק וִוילְן דָאס אַרַיינְוַוארְפְן אִין וַואסֶער, וֶועלְן עֶנְק מוּזְן מִיר אַרַיינְוַוארְפְן מִיט עֶס".

וֶוען דִי גוֹיִם הָאבְּן גֶעזֶען אַז נִקָּנוֹר מֵיינְט עֶס עֶרְנְסְט אוּן עֶר לָאזְט נִישְׁט אָפּ דִי טִיר וָואס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי ווִיכְטִיג פַאר אִים, הָאבְּן זֵיי אִים אָפְּגֶעלָאזְט.

"יִישַׁר כֹּחַ הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער! דוּ הָאסְט מִיר גֶערַאטֶעוֶועט", הָאט נִקָּנוֹר גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נִקָּנוֹר הָאט גֶעהַאט גְרוֹיס צַעַר אַז דִי גוֹיִם הָאבְּן אַרַיינְגֶעוָוארְפְן אֵיין פוּן דִי טִירְן אִין וַואסֶער.

"וָואס קֶען אִיךְ טוּן מִיט אֵיין טִיר?" הָאט נִקָּנוֹר גֶעטְרַאכְט. "דִי טִירְן קוּמֶען צוּזַאמֶען, אֵיינְס נֶעבְּן דִי אַנְדֶערֶע, אִיךְ וֶועל נִישְׁט קֶענֶען שֵׁיין מַאכְן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, נָאר אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ בֵּיידֶע טִירְן".

נִקָּנוֹר הָאט וַוייטֶער גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעקוֹיפְט דִי סְפֶּעצְיֶעלֶע טִירְן וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט שֵׁיין מַאכְן דַיין הֵיילִיגֶע הוֹיז, דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. אִיךְ בֶּעט דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער שְׁטֶעל אָפּ דִי שְׁטוּרֶעם אוּן הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען בְּרֶענְגֶען בֵּיידֶע טִירְן צוּם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ נֵס אוּן דִי שְׁטוּרֶעם הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט.

"אַ שָׁאד אוֹיף דִי טִיר", הָאט דֶער פֶערְד סוֹחֵר גֶעזָאגְט צוּ נִקָּנוֹר וֶוען זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְט צוּ דִי בָּארְטְן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. עֶר הָאט גְרָאד גֶעמַאכְט זַיין גְרִינֶע הִיטְל אוּן אִיבֶּערְגֶעצֵיילְט זַיינֶע פֶערְד אוּן גֶעמַאכְט זִיכֶער אַז עֶר



בילדער: ח. שטיינבערג



הָאט אַלֶע צֶען.

"וויין נִישְׁט אוֹיף אוֹיסְגֶעגָאסֶענֶע מִילְךְ" הָאט דֶער וויייץ הֶענְדְלֶער גֶע'עֵצָה'ט, "דִי שְׁוֶוערֶע טִיר אִיז שׁוֹין זִיכֶער גֶעזִינְקֶען אִין דִי טִיפֶענִישׁ פוּן יַם, מֶער ווֶעסְטוּ דֶעם טִיר נִישְׁט זֶען".

"פַארְוָואס הָאבְּן דִי מַאטְרָאזְן נִישְׁט אַריינְגֶעוָוארְפְן זַיינֶע פֶערְד?" הָאט דֶער נייגֶערִיגֶער גֶעפְרֶעגְט, "זיי וָואלְטְן גֶעקֶענְט צוּ שְׁווִימֶען צוּם בָּארְטְן אַליין".

נִקָּנוֹר הָאט נִישְׁט גֶעהֶערְט זייעֶר טְרייסְט ווֶערְטֶער, עֵצוֹת אוּן שְׁאֵלוֹת, נָאר עֶר הָאט וַוייטֶער גֶעבֶּעטְן דֶעם אייבֶּערְשְׁטְן.

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק שֵׁיין מַאכְן דַיין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ מִיט דִי טִירְן, אִיךְ בֶּעט דִיר בְּרֶענְג מִיר צוּרִיק דִי פַארְזִינְקֶענֶע טִיר".

"אִיךְ זֶע דִי טִיר!" הָאט דֶער פֶערְד סוֹחֵר גֶעשְׁרִיגְן.

"אַזַא נֵס!" הָאט דֶער וויייץ הֶענְדְלֶער אוֹיסְגֶערוּפְן מִיט וואוּנְדֶער. "עֶס אִיז מִיטְגֶעשְׁווִימֶען מִיט אוּנְז דִי גַאנְצֶע ווֶעג".

"וִוי אַזוֹי הָאבּ אִיךְ עֶס נִישְׁט בַּאמֶערְקְט?" הָאט דֶער נייגֶערִיגֶער גֶעפְרֶעגְט.

דִי שִׂמְחָה אִיז גֶעווֶען גָאר גְרוֹיס ווֶען מֶען הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט דִי הֶערְלִיכֶע טִירְן צוּם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. דִי טוֹיעֶר הָאט מֶען גֶערוּפְן שַׁעַר נִקָּנוֹר. יָארְן שְׁפֶּעטֶער, ווֶען דִי אִידְן הָאבְּן גֶעהַאט אַסַאךְ גֶעלְד, הָאבְּן דִי אִידְן אִיבֶּערְגֶעטוֹישְׁט אַלֶע טִירְן אוֹיף גָאלְד, אָבֶּער דִי קוּפֶּערְנֶע טִירְן פוּן שַׁעַר נִקָּנוֹר זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן צוּלִיבּ דִי גְרוֹיסֶע נִסִּים וָואס זֶענֶען גֶעשֶׁען מִיט זיי אוּן אוֹיךְ ווייל זיי הָאבְּן גֶעשַׁיינְט אַזוֹי וִוי גָאלְד.

***

"דוּ הָאסְט אַזוֹי שֵׁיין דֶערְציילְט דִי מַעֲשֶׂה", הָאט מַאמִי גֶעזָאגְט. אִיךְ הָאבּ מַמָּשׁ גֶעפִילְט וִוי אִיךְ בִּין אוֹיף דִי שִׁיף.

"אָדִי, דוּ הָאסְט הַיינְט בַּאשַׁיינְט אוּנְזֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. דַיין צֶעטְל אִיז טַאקֶע צוּרִיסְן אָבֶּער דוּ הָאסְט גְלַייךְ גֶעזָאגְט גַם זוּ לְטוֹבָה אוּן גָארְנִישְׁט גֶעטְשֶׁעפֶּעט אוּן אֲפִילוּ דֶערְציילְט אַזַא שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה פַאר זִיסִי".

"מוֹחֵל? מוֹחֵל?" הָאט זִיסִי גֶעפְרֶעגְט אוּן פְּרָאבִּירְט צוּ צוּרִיק קְלֶעבְּן דִי צוּרִיסֶענֶע צֶעטְל.

"אִיךְ בִּין דִיר מוֹחֵל", הָאט אָדִי גֶעעֶנְטְפֶערְט. "מַאמִי אִיךְ וִויל אוֹיפְהֶענְגֶען דִי צְוויי צוּרִיסֶענֶע שְׁטִיקְלֶעך אוֹיפְן וַואנְט".

זיי זֶעען אוֹיס וִוי דִי צְוויי טִירְן פוּן שַׁעַר נִקָּנוֹר. עֶס ווֶעט מִיר דֶערְמַאנֶען אַלְץ צוּ טְרַאכְטְן וִוי אַזוֹי אִיךְ קֶען מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַארְן הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִין אוּנְזֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ.



# קליין און פיין


נחמן נתן רוטה


קרית יואל חדר


משפחת בוים


משה יוסף טייטלבוים


שרי אינדיג


חי אסתי, רחל'ע יאקאבאוויטש


יודל יאקאבאוויטש


אליעזר שלמה שטיינבערג


אדי כץ


חי אסתי יאקאבאוויטש


משפחת פריעדמאן



חני פורסט

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו
845.379.1161
BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM


מלכי און הנדי יאקאבאוויטש


אשר טייטלבוים


חי'לע כץ


משפחת יאקאבאוויטש


נחמן ראבינאוויטש און אליעזר פיש


נחמן ראבינאוויטש



אליעזר שלמה אינדיג


אליעזר שלמה און נחמן יצחק קרוויס


יוטי שטיינבערג

# קלאסיפיידס

## מזל טוב

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה שמחה סאלז הי"ו**

וזוגתו שרה חוה תחי'

**צו די שמחת החתונה פון א טאכטער למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם
קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה משולם פייש פעלבערבוים הי"ו**

וזוגתו באשא תחי'

**צו די שמחת החתונה פון א זון למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם
קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

## מזל טוב

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו**

וזוגתו בילא שיינדל תחי'

**צו די געבורט פון א אייניקל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם
קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.


## אן עד אין בלעטל ברענגט רעזולטאטן

845-379-1161

breslevofficeliberty@gmail.com






פארקלאוזשער.
מיעט באורדס.
ריפייננס. וכו'.

די ביזנעס לשונות רעדן
זיך אנדערש אין די ריכטיגע
ביזנעס פעסילעטי.

646.938.2503

CATSKILL
PROFESSIONAL
PLAZA

dominogrp.com

איינגענעמע אפיסעס \\ אין הארץ פון שטעטל \\ לייכטע איבערבייס פיר און צוואנציג שטונדן \\ פרייזן וואס בייסן נישט \\ פארקינג ביזן דאך

# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב



חבורת היכל הקודש צפת



פת שחרית אין תלמוד תורה היכל הקודש טברי'



טעגליכע דף גמרא שיעור אין היכל הקודש טבריה



א טענצל נאכן וועכענטליכע צוזאמקום אין ביהמ"ד היכל הקודש בני ברק

קרעדיט: לייבי ראטה, נפתלי זאבעל, ישראל העסקעל, יענקי פיש, יוסי פררוויא, איציק מענדלאוויטש, שמואל בלעדי





שבע ברכות פאר החתן נפתלי הי"ו בן מו"ה עזרא בוים הי"ו עב"ג משה אריה שניטצלער הי"ו



גבאי בית המדרש אשר בנחל מו"ה מרדכי היימליך הי"ו ביים משמח זיין חתן וכלה




נייע חיזוק יומי קארטלעך ביי די מפיצים אין בני ברק



אין א שמועס מיט ר' יענק'ל נאכן שיעור אין ישיבה



אין א שמועס מיט'ן מפיץ מו"ה נתן יאקאבאוויטש הי"ו



די צוויי גרויסע מפיצים ר' יענק'ל מיט ר' נתן



ביים איבערגעבן בריוון פארן גבאי רענט קאמפיין מו"ה שבתי מארקוס הי"ו



וואכנאכט פון מו"ה מנחם שטיינבערג הי"ו



הערליכע עמוד פון האלץ
אהערגעשטעלט דורך מו"ה דוד ווילדי



דער שמש ביים פאררעכטן די
לעקטער אינעם מקוה





סיום השס ע"י הרב נתנאל פארקאש שליט"א, בביהמ"ד 8 העיס קארט, קרית יואל





די בחורים פון ישיבה ביים טאנצן נאך מעריב



מו"ה יואל שניצלער הי"ו ביים מאכן א סיום אויף ששה
סדרי משנה ביים שלושים פון זיין טאטן ז"ל



ביים פארטיילן פת שחרית פאר די בחורים









**שבת התוועדות מיט די בחורים וואס העלפן די ישיבה**

# פון אונזערע ארכיון









שבע ברכות אין ישיבה פאר מו"ה יואל לעווי הי"ו - מוצאי שבת ויצא תשע"ג


פריילעכע מעלדונג
די היסטארישע ספר
וואס מוהרא"ש איז געווען
אויף א גאנצע נאכט עס צו
שרייבן און איז שוין
איבערגעדריקט געווארן
איבער הונדערט מאל גייט
יעצט נאכאמאל צום דריק
אין א הערליך שיינע נייע
מהדורה אין אידיש וואס
דער ראש ישיבה שליט"א
האט איבערגעטייטשט.
זכות פרק
$1,200
זכות ספר
$500
צום ערשטן מאל
מיט א שיינע
הארטע דעקל.
ספר
אֶרֶךְ אַפַּיִם
אידיש
מהדורת היימליך
קרן הדפסה
צו קויפן א זכות אינעם
ספר ווענדט אייך צו:
מו"ה לייבי ראטה הי"ו
347.578.4449
*sruliHeskel